STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10345

FARBIKE KHVALYES

Mashe Shtuker-Payuk

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאשא שטוקער-פאיוק

פארביקע כוואליעס

*

ה׳תשי״ד בוענאָס איירעס 1954

MASZA STUKER PAIUK

O L A S

★

BUENOS AIRES

1 9 5 4

דעם הייליקן אָנדענק פון מיינע עלטערן:
ב נ י מ י ן א ו ן ט ו י ב ע.
און פון מיין מאַנס עלטערן:
פ י נ י ע א ו ן א י ט ק ע.

י צ י ר ה

לידער

לידער באַפאַלן
מיין שויב פון געמיט,
און בעטן זיך אַלע:
— טו אָן מיך אין ליד.

און איינס אויף אַן אַנדער
מ׳שטופט זיך: כ׳בין גרייט;
מ׳שרייט זיך פונאַנדער:
— באַשוך און באַקלייד!

אוי, ווילט זיך מיר לויפן,
אז פריי איך וועל זיין,
אויף גאַסן און הויפן
אין שטיבער אַריין.

איך בין נאָר אַ פּיצל,
אַ סטראָפּקעלע בלויז.
אַ קליידל, אַ מיצל,
און לאָז מיך אַרויס!

און פנימלעך הייסע
אין שויב פרעסן איין!
— די וועלט דאָרט די גרויסע
ווי שיין מוז עס זיין!

באַהענגען, באַשווערן;
אין גאַנג מיינע טריט,
און ס׳בריִען מיך טרערן:
געוויין פון אַ ליד —

וועז כ׳זעץ זיך אַנידער,
הייב אָן ווי ס׳נישט איז.
קאַפּריזעוועז לידער —
טופּ־טופּ מיט די פּיס!

ווי פּיצעלעך קינדער
מען רייסט און מען מאָנט:
— מיין ריי איז אַצינדער
מי פריִער מיך אָן.

דאָס וויל איך נישט טראָגן,
די סטראָפּקע איז מיאוס.
איך ווייס מען וועט זאָגן:
— אָן הענט און אָן פּיס...

מיין פעלער פאַרשטעל נישט,
דאָ איז דאָך אַ בלויז,
איך וויל נישט, איך וועל נישט
הינקענדיק אַרויס!

אַ ליד איז אַ יום־טוב,
און יום־טוב — אַ צייט,
ווען אַלץ פֿאַר דעם אָנטון
דאַרף ווערן באַנייט...

כי טוב!

דאָס האַרץ אויפגעפּראַלט און עס שלינגען די בליקן
אַזויפיל געשטאַלטן וואָס מאָנען אַ תיקון,
קלאַמערן זיך, בעטן זיך: — מיר ווילן זיין;
נעם אונדז אין ספר פון לעבן אַריין!

זיי ווימלען און צינדן דאָס האַרץ אָן אין פלאַמען:
ווי זאָל מען אַיעדן באַזונדער איינראַמען?
זיין קול און זיין לשון, זיין גאַנג און זיין ציל
אויסמאָלן פון יעדן זיין אמתדיק בילד?

און רוישיק דאָס האַרץ קלאַפּט, כלערליי מינים,
אַזויפיל פאַרשיידענע שטאָפן צו שפּינען!
צו פעדימען פעדים אויף ציין דין און שאַרף,
אָנצוטון יעדן געשטאַלט ווי מען דאַרף...

באַזונדערע שפּולן פאַר אַלע לבושים
און ס'צאַפּלען מיט ציטער־געבעט הייס די חושים:
— האַרץ, קיל זיך נישט אָפּ, ווער נישט איבערגעגליט,
רייס זיך נישט איבער געוועב אינדערמיט!...

אַ דראַנג צו יצירה פון גורל באַשערטער:
רוח החיים אין פורעם פון ווערטער —
מעשה בראשית דורך אייגענעם בלוט
מיט פרייד אויפצוזינגען „כי טוב" — עס איז גוט!

„היום קצר"...

היום קצר — די אַרבעט ברענט,
איך האָב נישט מער ווי איין פּאָר הענט,
געציילטע עטלעכע שפּאַן ערד
און ס'מערט מיין זריעה זיך און מערט

און אָפּן זענען מיינע זעק,
מיין קאַסע שאַרף, פאָרויס געשטרעקט.
און יעדע פלאַנץ, ווו ס'זאָל נישט זיין,
זי שיט איר זוים צו מיר אַריין.

עס וויט דער ווינט אין מיינע טריט
און הויפנווייז פון זאַק איך שיט.
וואָס ס'ווערט פאַרזייט גייט שפּעטער אויף
און וואַקסט פון זיך אַליין אַרויף.

היום — דער טאָג, איז טאָג ביז ווען?
אָ, זאָל מיין אויג אַ זאַנג דערזען,
מיין צונג נאָך טועם זיין פון מעל,
די שפע פון מיין אייגן פעלד!

היום קצר, איך זיי און טראַכט:
אָ, טאָמער טרעפט: ס'פאַלט צו די נאַכט.
און כ'פאַל ווו אויפן גרענעץ — וויי!
אָ, ווער וועט שניידן מיין פאַרזיי?

ווי דער סנה

עס ברענט איצט מיין בוים ווי דער סנה האָט געברענט,
ווי פאַרביקע פאַקלען אין פלאַטער פון הענט.
די צווייגן זיי שפּריצן, באַבליצן די ווענט.

עס איז נישט קיין שׂרפה וואָס שלינגט איין, פאַרצערט,
סאַ חסד פון הימלען, נאָר איינמאָל באַשערט.
אַ זעונג, וואָס צינדט אָן געזאַנג אויף דער ערד.

עס בריִען און גליִען אין פלאַמיקן ברויז,
צעצונדענע פייגל אַ קרייז זיגלען אויס
מיט גרויסן געגאַרטע זיי פליגלען אַרויס.

זיי צינדן לאַמטערן אין חושך־געפאַר
זיי הייבן אין פריידן און טרייסטן אין צער.
אין שנאָבל צעטראָגן די בשורה פון האַר.

אַ בוך

אין איינעם אַ טאָג, האָט זיך אַ בוך
אויסגעפּאַרטיקט, אויסגעפּוצט
מיט שורהלעך פון אַלדאָס גוטס,
און מיט זון־געזאַנג אין טראָט
זיך געלאָזט איבערן שטאָט.

— יאָ, דאָס איז עס,
ס׳איז דער אַדרעס.
עפּענען זיך בלעטער גרייט
אָנצוזוניקן מיט פרייד
און אַ פּלייץ אַריין
מיט ליכט פון מאָרגן־שיין
אין אַ שמייכלענדיקער טיר.

— ווער האָט דיך געשיקט צו מיר? —
פּליוכעט אָפּ אַ חוזק־בליק.

שלייכט זיך הינטערווײלעכץ
שטיל דאָס בוך אַרויס צוריק.

— מן הסתם אַ טעות דאָ,
און אפשר גלאַט אַ בייזע שעה:
פּאָר פרישטיק נאָך, ס׳איז צו פרי.
גלייכט דאָס בוך זיך אויס מיט מי
די גלידער
און לאָזט זיך ווידער
דורך אַ טונקל, שמאָלן הויף:
— אַ בוך צום פּאַרקויף!

פליסטערט קוים מען הערט.
און אַזאַ מהומה ווערט:
רעדער קייקלען זיך און לאַכן
פּאַסן פליִען חוזק מאַכן,
סקנאַקן, האַקן שאַרפע ציינער,
שטאָל און אייזן: אַזאַ איינער
וואָס סע ליגט אים גאָר אין זין,
זעסטו דען נישט, אַז איך בין
אָנגעשרויפּט איצט, אַ מאַשין?!

זעט דאָס בוך, פון ווייט באַטראַכט ער
אין אַ טיר אַ האַלב פאַרמאַכטער,
פון פּאַפּירעלעך אַ שטויס,
הייבט זיך קוים אַ קאָפּ אַרויס:
— האַ? ווער ביסטו ווער, אַ וואָאָס?
און פאַרהאַקט די טיר אים פאַרן נאָז...

און אָט אין אַ טיר אַ פערטער
פון אַ פולן מויל דערהערט ער,
ווי ער קייט: ס'אַ מאָדנע לייט,
ווייסן נישט ווען מיטיק צייט?!
אין אַ פינפטער ענטפער אים
אַ באַצאָלטע פרעמדע שטום:
— ווּעמען זאָל איך מעלדן, נו?
שש... איך קען נישט שטערן,
ס'איז אַצינד נאָך מאָלצייט־רו,
אויב דו ווילסט — וואַרט דאָ צו...

ווערט דאָס בוך אַלץ מידער, מידער
פּרוווט דאָך נאָך דאָס מזל ווידער.
זעצט די זון זיך אין זיין טראָט,
קילט זיך, לעשט זיך איבערן שטאָט.

און אויף דער גאַס חידושים זעט ער:
נישטאָ קיין פּריִער און קיין שפּעטער.
מענטשן שטופּן זיך און לויפן
פאַר די קראָמען, איינצוקויפן
ברויט, קאַרטאָפל, קרויט און מערן,
— ווען איך זאָל דאָס קענען ווערן?

— אוי, ווען מיינע שורות ווערן
בייטן בוראַקעס און מערן,
און שטאָט פון אַ פלאַמיק האַרץ
אויפגיין כ׳זאָל פון ערדן שוואַרץ,
צייטיקן זיך זאַפטיק פעט,
פול מיט שפע צו דער זעט...

און צו נאַכט, מיט פאַרחלשטע פּיס,
פאַלט דאָס בוך אַוועק אויפן טיש,
פון וואַנען עס איז באַגינען אַרויס.
און פאַר דער לבנה זיין ווי גיסט אויס,
רעדט זיך פון האַרצן אַראָפּ.
גלעט די לבנה אים איבערן קאָפּ:
לײדסט נעבעך זיך אָן, אַזוי פיל פּיין.

מיט איר ווייס, זיידן טיכל —
ווישט אים די טרערן... —

פאַר דיר זאָל מיר זיין.
זי קושט אים און גלעט אים
און נעמט אים איין.
און מיטאַמאָל — קולות, וואָס הערט ער?
עס קלאַפּן און רייסן זיין טיר
מאָדנע ווערטער.
מען שטופּט זיך, מען טומלט,
מען מאָנט מיט געשריי:
— ס'איז מיין ריי אַצינדער,
מיין ריי איז, מיין ריי!
מיר אַן אות, מיר אַ וואָרט,
פון יענער פּאַליצע פון דאָרט,
מיר אַ שורה, מיר אַ בלאַט,
איך ווער דערמיט נישט זאַט.
מיר אַ בינטל, מיר אַ בוך,
אַ גאַנצן בוך, נאָך אַ בוך, אַ בוך!
און עס בלעטערן זיך בלעטער
אין אַ תּפילה־שפּרוך:
— לבנה־שיין, לבנה־שיין,
עס זאָל נאָר נישט
קיין חלום זיין!

אַ משחית און אַ רעטער

איינגעוויקלט אין זיין טלית
אין געוועב פון כלו תכלת,
דאַוונט הימל טאָג און נאַכט,
און זיין אָפן אויג איז וואַך.

ווייסע וואָלקנדלעך צעבלענדט ער,
מיט בלייכע ציטערדיקע הענט, ער
בענטשט די ערד, בעט פאַר איר בעט,
שטרעקט זיין האַרץ אויס פאַר איר חטא.

— אוי, איז זינדיק אָט דער קיילעך!
ווי די שפּיזן אין די מיילער
ביי באַשעפעניש — ציין:
שטעכן דורך זיך דאָס געביין...

און מיט די הענט — אוי טאַטע היטער!
וואָס אַמאָל אַלץ מער געניטער
כלי־משחיתים נאָר מען פורעמט,
מ׳רייסט פון אָפּגרונט אויף דעם שטורעם.

וויי, וויי! ווו זאָל זיין דער רעטער?
מען צעבלאָזט די אַשן, זעט ער
בייזע פונקען און נאָך ווייטער
שטייגט אַלץ העכער אויף אַ שייטער,

ווערט זיין פנים גרוי, פאַרביטן,
נעמען זידן זיינע בלוטן
און זיין היל, וואָס בלוי און ווייס איז,
במתנה פון בראשית —
גיט אַ שוואַרצן ריס פונאַנדער
און אין תוהו קריק אַ שליידער:

— כ׳דאַרף נישט מער דעם תכלית מיינעם!
איבער וועמען וועל איך שיינען?
ווערן קלאָרע גוטע אויגן
אויסגעקרימטע שאַרפע בליצן,
קעגן אויסגעשטעלטע שפיזן,
גרייט אַראָפּ זיין פייער שפריצן.

אין די בלייכע הענט — אַ גבורה,
אויפצוטרייסלען די יצירה —
און זיין תפילה־קול — אַ דונער.
קראַכט אַראָפּ אין תהום אין טיפסטן,
ווו דעם קאָפּ הייבט אויף דער שטורעם:
— וועסט מיט מיר זיך איצט פאַרמעסטן!

כ׳קען אויך צינדן, כ׳קען אויך לעשן
פון כביכול מיינע ישן!
נישט קיין בעטער! איך צעשמעטער,
כ׳ווער אַ משחית און אַ רעטער!

אַ דיכטער

ווי אַ בחור זיין באַשערטער
זוכט אַ דיכטער צווישן ווערטער
צו אַ פערז אַ ריכטיק וואָרט,
וואָס זאָל פּאַסן אויפן אָרט.

סיי אין אינהאַלט, קלאַנג און פורעם,
אין דער שורה אַריינשורהן
זיך, אַריינוואַקסן אין ליד,
ווערן פונעם ליד אַ גליד.

מאַכט ער כלומרשט אַ מסיבה,
און אַזוי פיל ווערטער ליבע,
אויסגעפּוצט ווי כלות פּייז,
גיבן זיך אַ שאַר אַריין.

ווערטער רירעוודיק פאַרשייטע
שטרעקן אויס די הענט שוין גרייטע
אויף אַ יעדן ווונק און ריר —
שוין מען קלעפּט זיך שוין מיט דיר...

ווערטער מיט אַ גלייכן שכל,
מיט אַ שטיל עניוות־שמייכל
אין זיך שעמעוודיק פאַררוקט,
דורך אַ שפּעלטעלע מען קוקט.

פּרוּווט דער דיכטער יעדנס חנען
און דעם תּכלית וואָס זיי מיינען
און שטויסט אָפּ: נישט דער, נישט דער:
נישט דו פּאַסט זיך עס אַהער!

קריגן זיך אַרום די ווערטער:
— גיי! דער סטראָף איז מיין באַשערטער.
שטויסט איין וואָרט אַ צווייטן וואָרט
און פאַרנעמט באַלד יענעמס אָרט.

ווערט דער דיכטער מיד פון קלייבן:
ווידער, אָבער מעקן, שרייבן.
און דאָס האַרץ אים פּיבערט, גליט:
— געוואַלד, איין וואָרט, אַ וואָרט צום ליד!

נעמען שורות זשומען, ברומען:
און אַז דאָס וואָרט וועט גאָרנישט קומען?
ס׳קען דאָך אויך אַזוינס געשען,
נאָך מער וואַרטן דאָ — ביז ווען?

נישט כדאי דערפֿאַר צו וואַרטן,
ווייסעך, צוליב איינעם דאָרטן,
ווייניקער אַ וואָרט, צי מער,
ווער וועט עס באַמערקן, ווער?

לאָזט דער דיכטער אָפּ די פֿאָרעם,
עפֿנט מאַכטלאָז אויף די אָרעמס
און אַ וועלכעס ס׳פֿאַלט אַריין,
איז ער מסכּים: זאָל שוין זיין!

שוין אין ליד פֿאַר עם וועדה
אין אַ בוך פֿאַרקנסט זיך ביידע,
ציט דאָס האַרץ אים, קלעמט און וויינט:
ניין! נישט דאָס האָט ער געמיינט!

איז נישטאָ קיין שלום בית,
נאָר עס לאָקט אים נייס און נייעס,
ווו אַ וואָרט אַ נייס ער זעט,
טראַכט ער תּיכף פֿון אַ גט...

צום מאָלער

מאָל דו מאָלער, שפּריץ די פאַרבן,
אַז סע אַרט מיך גאָרנישט, ניין!
אין אַ יעדן פון די בילדער
דיינע — בין איך אַנדערש שיין.

אָנהייב, קניפּלסט אויף אַ לענטע
פון אַ שפּראָצנדיקן חן,
ווי אַ ביימעלע צעשלייפלט
ערשטע בלעטלעך, בין איך שיין!

און דערנאָך לאָזסט זיך פונאַנדער,
אַז דאָס מאָל־ברעט ווערט דיר קליין;
ווי פון וויפל מינים ביימער
אַ צעבלומטע — בין איך שיין!

שפּעטער, נעמסטו שפּאָרן פאַרבן,
וואַרפסט מיט זיי זיך שוין נישט מיין,
טיילט זיך לאַנגזאַם אויס מיין פּירה
און קאָליר — בין איך דאַן שיין!

און צום סוף שוין, שיילסטו, שאָבסטו
מאָלער: ס׳אַרט מיך גאָרנישט, ניין!
שפּאַלט זיך און צעפּאַלט מיין פּירה —
מיט מיין יאָדער בין איך שיין!

ווירטואָז

1

(פּיער־טאַנץ)

אָט שטייט אויף דער בינע דער פידל־ווירטואָז
און נייעם רוח החיים צעבלאָזט,
זיין באַק צום פּנים פון פידל נויגט צו,
מיט דער לינקער אָרעמט איר האַלדז אַרום.
מיט דער רעכטער, טוט אויף די סטרונעס אַ שוועב,
אַ נייע וועלט צום באַשאַף רופט אויס: לעב!
טוען פאַרביקע פונקען אין חלל אַ שפּריץ
(ווו זענען זיי געוועזן פאַרדרעמלט ביז איצט?)
און אָט ווערן פלאַמיקע ליניעס פון זיי.
צעלאָזט זיך אַ ראָד אין ספּיראַלן־געדריי,
צעטאַנצן זיך ווענט, כאַפּט אַרום שטאָק נאָך שטאָק,
אין הויפן, קוואַרטאַלן, עס יאָגט און עס טראָגט
איבער גאַסן און בלאָקן אין דער ברייט אין דער הויך.
אַ פּייער־טאַנץ ווירבלט, עס שיכורט דער רויך,
אָט וועט מען אַ וואַרף טון זיך אַלע אינאיינעם
מיט כלים צום לעשן — און בלייבן נשתומם:
ווו פּייער? ווען טאַנץ? — נישט געשטויגן־געפלויגן,
אַ בלענדונג אַזאַ נאָר פאַר חושים און אויגן.
אַ פינקל, אַ פונקעלע גלי נישט מען זעט.
עס שטייט נאָר דער פידלער, זיין פידעלע גלעט.

II

(וואַסער־טאַנץ)

שווימט־אָן אַ קרענצעלע בלימעלעך ווייס,
פלעכט זיך און קרייזלט זיך אין האַלבן קרייז,
גליטשט זיך אַ טולענער שלייער אַריין,
צעמורמלען זיך כוואַליעס: אַ חתונה וועט זיין!
פאַרהויבן זיך לוסטיק: אַ דריי טון זיך אַלע:
דעם שלעפּ, אַ צעבלענד טון לכבוד דער כלה!
די פאַלדן פונאַנדער ציט ברייטער, צעשפּרייטער.
שפּילט העכער כלי־זמרים! גערירט זיך באַגלייטער!
טופּ־טופּ מיט די פיס, אַז עס שווימען די פאָלן
און ווערן אויף שטויב אינדערלופטן צעמאָלן.
און איבער די קעפּ אַראָפּ שיטן זיך, שיטן,
און קנוילן זיך ווידער אַרונטער די טריט און
עס שורשען די קליידער אין טאַנץ־קאַראַהאָדן,
צעשטורעמט דאָס בלוט איז, צעשפּילט און צעזאָדן.
מזל־טוב! הילכט אָפּ פון מיילער צעקלונגען.
באַץ! און אויף בלעזעלעך שוים איז צעשפּרונגען
אַ רונדיקער צונדיקער ימישער טעלער.
אַ שלונג — און פאַרטרונקען דעם באַל פון די בעלער.

ווּ כוואַליקע חתונה? ווּ מחותנים?
ווער זענען זיי געווען? און — מען קוקט אָן אים
פאַרווירט און פאַרוווּנדערט — נישטאָ טאַקע קיינער,
אָט דאָ אויף דער בינע? ער נאָר, ער איינער —
דער פידלער. — זיין קליינטשינקע פידעלע האַלט,
און ער רופט שוין צונויף אַלע פייגל פון וואַלד.

III

(פייגל־כאָר)

ווי האָט ער זיי אַלעמען אַהערצו באַשטעלט?
אויף וואָס פאַר אַ לשון זיין רצון באַפעלט?
זיי שטעלן זיך אויף און איין בליק אויף אים נאָר —
(ווען האָט ער געלערנט זיי זינגען אין כאָר?)
די שוואַרצינקע פינטלען פון נאָטן ס׳געשריפט?
אָט טרילערט פון שנאָבעלעך אויס אַ ציף־ציף,
עס הייבט אָן איין פייגעלע דין, קוים מען הערט,
אַ צווייטע, אַ דריטע, עס מערט זיך און מערט.
עס צווייטשערט פונאַנדער אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר,
צענדליקער, הונדערטער שטימעלעך קלאָר,
און עס פלאַטערן הערצער מיט פייגל צוגלייך
איבער פעלד, איבער וואַלד, איבער זוניקן טייך.
דער הימל צעשטראַלט איז, פון תענוג צעשיינט.

עס פלעכטן זיך צווייגן, אַלע הענט זענען פֿרייַנט.
עס טוליען זיך בלומען צו בלעטעלעך גרין.
עס שפּראָצט און עס וואַקסט און עס בליט יעדער מין.
אוןביימער און קוסטעס, אַ יעטוועדע פלאַנץ
צעפאָכעט די פליגל און הייבט זיך אין טאַנץ...
ווי קען מען אַצינד אינעם רוים נישט דערלאַנגען?
צעוויגט אין סימפאָנישער הוידע פון קלאַנגען.
פון גלידער צעשפילטע פאָנטאַנען עס קוועלט;
ווי ליב און ווי גוט, אָ ווי שיין ביסטו וועלט!

נאָך זענען די אָרעמס אין פלי אויסגעבויגן
און ס'זענען די זינגיקע פייגל צעפלויגן.
אָט שטייט ער, דער פידלער, קוים־איין אויף די פיס
און ס'רוישן נאָך כוואַליעס און פּאַטשן: ביס־ביס!
דער טאַנץ איז פון פייערראָד לאַנג שוין אַרויס,
עס פלעמלט אים נאָך אַ לעצטער אַפלויז...

ווי גוט

ווי גוט, וואָס ס׳האָט טרוים נישט קיין גרענעץ
און קיינער פרעגט קיינעם: פּאַספּאָרט?
און ווען עס קומט אָן אַהין עמעץ —
וואַרט תמיד אויף אים אַ פריי אָרט.

די רוימען און וועגן זיך ציִען
מיט סטאַנציִעס ווו נאָר איינער וויל,
מ׳קען זיך פאַרפאָרן, פאַרפליִען
אין איין הרף־עין צום ציל.

מ׳דאַרף גאָר צומאָל קיין בילעט נישט,
נישט וואַרטן אויף קיין שום מאַשין,
ס׳איז קיינמאָל צו פרי און צו שפּעט נישט
אין פריילאַנד פון איינציקן מין.

ווי גוט, וואָס ס׳האָט טרוים נישט קיין טירן,
דאַרף קיינער אין דרויסן נישט שטיין,
פון אומעטום — שווינדל־טרעפּ פירן
צו הייכן — צו זיך נאָר אַליין...

נישט געבעטענער בעל־תפילה

קיינער האָט מיך נישט געבעטן:
— בענק מיין בענקשאַפט,
זינג אויס מיין געזאַנג,
וויין אַרויס מיין געוויין.
קיינער האָט מיך נישט געבעטן
אַ שליח־ציבור זיין.
נאָר איך אַליין,
איך אַליין,
טרינק פון יעדנס טרערן
בענקשאַפט און געזאַנג,
ווייל דורשט איז מיין אָטעם
און תפילה — מיין געטראַנק.

איז קיינער גאָרנישט שולדיק מיר דערפאַר,
וואָס מיין שירה, וויי און צער,
לייטערט זיך אין שורות מיינע
אַרויף צום האָר
פון אייביקייט,
אויך ווען עס פליסט פון זיי אַריין
אין וועמענס האַרצן
טרייסט און פרייד.

קיינער האָט מיך נישט געבעטן
פאַר אים דאַווענען,
אויסצושטאַפּלען
תּפילה־פּסוקים — סטראָף נאָך סטראָף,
און מיט יראה־קדושה־צאַפּלען
פאַרן שער פון אין־סוף.

אב הרחמים! פּראַל־אויף
די שערי רחמים!
מיין געבעט נעם אָן!
זאָל אַ שפּיץ פון מיין לייטער
אָנרירן דיין טראָן.
זע:
פאַר אַ גאַנצער עדה
טו איך פאַרן עמוד שטיין.
קיינער האָט מיך נישט געבעטן —
ענטפער דו: אמן!

ליבשאַפֿט

מיין ליבשאַפט

עס דרימלט פאַרשלייערט אין האַרצן ביי מיר
מיין ליבשאַפט, פאַרטאַיעט פון הינטערן טיר,
מיט אויגן פאַרנעפּלט און וואַרט אויף דיר.

דורך שויבן פון חלום שיינסטו מיר אַריין,
צעוואַרעמט זיך ליבשאַפט אין גלי פון דיין שיין.
וואַכט־אויף און צעברויזט זיך און שפּילט אויף אין ווייַן.

נאָר נישט ווייל ס'איז גרייט שוין קען יעדער עס זיין —
ווייל טיר איז פאַראַגנען, קען ווער ס'איז אַריין
און טרינקען אַזוי זיך מיין בענקשאַפט־ווייַן.

עס דאַרף פריִער קומען אַ בשורה פון דיר —
מיט פליגל פון ליבשאַפט דעם שלאָס אַ באַריר —
און ס'וועט אין מיין האַרץ זיך אויפּפּראַלן די טיר...

בענקשאַפט

— וואָלט אמת געווען, אַז מײַן האַרץ איז דײַן נעסט,
וואָלט איך מײַנע הענט אויף מײַן האַרצן פֿאַרפּרעסט,
ס׳געזאַנג פֿון דײַן בלוט אין מײַן דופּק דערפֿילט,
און מײַן בענקשאַפֿט געשטילט, מײַן בענקשאַפֿט געשטילט.

וואָלט אמת געווען, אַז איך ברי אויס דײַן פֿרייד,
וואָלט איך מײַנע פֿליגל איבערן נעסט אויסגעשפּרייט,
מײַן קאָפּ אין דער וואַרעמקייט טיף אײַנגעהילט,
און מײַן בענקשאַפֿט געשטילט, מײַן בענקשאַפֿט געשטילט.

וואָלט אמת געווען, אַז עס שנאָבלען אַרויס
פֿון מיר דײַנע טרוימען, פּיקן זיך אויס,
וואָלט איך זיי געכאָוועט, געצערטלט, פֿאַרשפּילט,
און מײַן בענקשאַפֿט געשטילט, מײַן בענקשאַפֿט געשטילט.

נאָר כ׳פּיל נישט דײַן פֿלאַטער אין האַרץ מײַנעם — נײַן!
עס ציטערט אין עלנט, מײַן ליבשאַפֿט אַליין,
מײַן טויב אויסגעבריט פֿון דײַן ערשטן באַריר
וואַרקעט, גייט אויס פֿון בענקשאַפֿט צו דיר.

דיינע אויגן

דיינע אויגן
זענען די שויבן
פון מיין תפיסה,
דורך זיי, לויכט אַריין
די ליכטיקע שיין
פון מיין פאַרבאָטענער וועלט.

געגעגנסטו צו מיר,
זע איך
זיך פיטערן סטאַדעס
נישט געשוירענע שאָף —
מיט ווייכן, ווייסן וואָל
קרויזיקע פרייד.

זיי ציִען זיך צו מיר,
נאָר די גראַטעס פון מיין צעל
זענען פאַרהאַקט פאַר דיר
און זיי קענען נישט אַריין.
און מיר איז אַזוי קאַלט.

טאָ האַלט
מיינע שויבן אָפן
און ס'וועט מיר ניחה זיין.

זומער.

ערד — אַ דערהיצטע, אַ מידע איז געלעגן, געדרימלט אין טיפן שלומער,
אין נעכט אַ פאַרטרוימטע, אַ שטילע, פון בענקשאַפט פאַרחלשט,
נאָך עפּעס געלעכצט.
פלעגט אויפגיין לבנה, אַ שוועב־טון אַ ווינטל, אַ שושקע... האָט זי געקרעכצט.

איז שטורעם געקומען מיט בליצן אין אויגן און ברויזיק געלעכטער,
מיט ריזיקע אָרעמס צעטרייסלט די גלידער, פאַרשמיסן די וועכטער,
מיט טונקעלע לאָקן פאַרשלייערט דאָס פּנים, געפּליסטערט מיט
דונערן־ברומען.
האָבן באַגערן פריי נאָכגעלאָזן... ער האָט זי מיט קושן פון רעגן גענומען.

זומער.
שפּראָצט די ערד אַן אָפּגעפרישטע, ווי נאָך אַ תּפילה אַ פרומער,
מיט אַלע פולע ברכות, נאָר צווישן די בלעטלעך גלאַנצן טרערן —
ווייסט נישט קיינער צי פון ווי, צי פון גליק אויפסניי צו געבוירן ווערן.

איך ליב — איך האַס

א.

ווי יום־טובדיק־שיין אונדזער טיש כ׳האָב געגרייט:
אַ קלאָר־ווייסן טישטעך מיט בלומען פאַרשפּרייט,
בעכערס מיט אָפענע ליפּן צו דיר,
מיט ווייַן פול געדויטלט: קום טרינקען פון מיר!

דאָס האַרץ האָט געפלאַקערט,
דאָס פייער געשטורעמט.
כ׳האָב זילבערנע כלים
פאַר דיר אויסגעפורעמט

און פּירות געריסן,
אויף זאַפטן צעריבן.
ווי גוט איז, ווי גוט איז
אַזוי אָ צו ליבן!

געלייטערט די אַלערליי מינים געטראַנקען,
וואָס האָט מיך מיט שפע מיין גאָרטן באַשאָנקען.
געציטערט, געפיבערט,ביים גיסן, ביים שטעלן:
— ווי זאָל איך, ווי וועט דיר צום בעסטן געפעלן?

װען גרייט שױן געװען איז,
געטון אַזאַ בלענד,
אַז כ׳האָב זיך דאָס פּנים
פֿאַרשטעלט מיט די הענט.

מיט ליפּן געתּפֿילהט:
— פֿאַרנעם מיך, פֿאַרגיב!
געטרערט און געלאַכט כ׳האָב:
כ׳האָב ליב! איך האָב ליב!

ב.

אָ, נישט דײַנע הענט,
נישט דײַן בליק, נישט דײַן קול.
אַ טראָט און צעשמעטערט
האָסט אַלץ מיטאַמאָל!

און ברוך־שטיקלעך שטעכן
און ס׳בלוטיקט מײַן לײַב.
און ברעקל צו ברעקל
די שערבלעך איך קלײַב.

געטראַנקען צעגאָסענע אויף דער ערד זידן — — — —
ווי וואָלט איך מיין זילבער געוואָלט איבערשמידן
וואָס מיר איז געווען אַזוי הייליק און טייער,
פונסניי איבערברענען אויפן זעלביקן פייער,

מיט אימפעט אַ שליידער,
און ליפּן טויט־בלאַס
אויסקרימען אין שוידער:
— איך האָס דיך, איך האָס!

זומער נאַכט

די נאַכט אין ווייסער שלייער שוועבט
אויף טעפּיכער פון גראָזן,
דעם גאַנצן אויסשטייער פאַרוועבט,
אַ דימענט נישט געלאָזן.

מיט פינגער טויקע באַרירט
די בלעטער אָנגעבערענטע.
דעם ברי פון זונען־גלי דערשפירט:
אָ, טאָג נאָך נישט דערקענטער!

און אַלע קוסטעס טראָגן צו
די בלומען־הענט מיט בשמים:
— ווי יונג און פריש, ווי שיין ביסטו
אָ נאַכט, עס לויכט דיין פּנים

די ביימער האַלטן אָטעם איין,
אַן אויג טוט נישט אַ פּינטל:
— אַ לאָז זיך, פלעכט זיך נאַכט אַריין
אין בונטן צווייגן־בינטל!

עס ציט אַבער צום טאָג די נאַכט
און ס׳נעפּלען זיך די שטערן,
פון פרייד די אויגן אַזש פאַרמאַכט:
— אַ קוש טון און נישט ווערן!

מיין בריוו

אויפן דינסטן זייד־פּאַפּיר
פון בענקשאַפט־רגעס אויסגעוועבט,
האָב איך שורות — בלומענשריפט,
מיט ציטער־פינגער אויסגעהעפט.

פון נעלקען, רויזן און זשאַסמינען,
בלוי, פיאָלעט, ראָז און ווייס,
וואָס מען קען נאָר שרייבן, שפּינען,
פון געבלומטן אַלף־בית.

דאָס האַרץ האָט האַסטיק גיך דיקטירט,
די האַנט האָט נאָכאַנאַנד געפירט
מיין בלאַנקע נאָדל־פעדער שפּיץ,
און גיט אַ טראָפּן רויט אַ שפּריץ —
איז נאָך אַ קיילעכדיקער אות,
אויפן ווייסן זייד־פּאַפּיר
נאָך אַ פרישער פּורפּור־קנאָספּ.

און ווען עס האָט דער בלאָנדער טאָג
די ליכט פון זאַל אַרויסבאַגלייט,
האָב איך מיין שעהן־לאַנגן בריוו
צום אָפּשיקן געגרייט.

ווען מערב־ברעג האָט זיך פאַרמאַכט,
און עס האָט פאַרקלעפּט די נאַכט
דעם קאָנווערט פון אַ מעת־לעת,
האָב איך מיט שטערן־שריפט
אָנגעשריבן דעם אַדרעס:

שטאָט — גאַס — הויז —
דירה.
האַרץ נומער איינס.
און אין ליכט פון לבנה־שיין
אין ערשטן פּאָסט־קאַסטן אַריין.

ווען ס׳האָט די זון איר רויטן קאָפּ
אין זאַל אַריינגעשטעקט —
באַגריסט האָט זי מיין פרייד:
— מיין בריוו איז שוין אין וועג.

און ווידער האָבן שטראַלן
צו מיר אַריינגעשטיפּט
און ווידער שפּרינגט מיין האַרץ
אַנטקעגן זיי: — אפשר אַ בריוו?

און אין איינעם אַ טאָג,
האָט איינער אַזאַ
בריוטרעגער, מיט אַ הייסן בליק
מיך אָנגעקוקט
— דערלאַנגט מיין בריוו צוריק:

— קיינער ווייסט נישט ווו איז ער.
דאָס זעלבע הויז, דער זעלבער מענטש
נאָר ווו דאָס האַרץ געווען איז —
ווינט נישט קיינער מער...

פאַראַט

— דער טאָג גייט אויף און דו גייסט איין...
ווי זאָל עס זיין, ווי קען עס זיין?
אַנומלט ערשט, אָט דאָ נישט לאַנג,
ביסטו געגאַן דעם זעלבן גאַנג
מיטן טאָג אין גלייכן שפּאַן.

אָט דער טאָג!...
— אַ טאָג אַזאַ פּונקט ווי היינט,
אַזוי אויך דאַן.
מיט ליכט און פרייד איז אויפגעגאַן
און אַלץ העלער זיך צעשיינט;
אויך אין דיין אויפגעוואַכטן בליק
האָט פּונקט אַזוי, פּונקט אַזוי,
טרוימען־טוי און הימל בלוי
זיך צעגלאַנצט אין שטראַלן גליק.

און היינט, היינט? —
דער טאָג גייט אויף זיך יונג און פריי:
פרילינג, פרילינג פונדאָסניי
שפּילט פונאַנדער זיך אין רוים,
און דו?
שלעפסט זיך קוים.
ווי אַ פרעמדער וואָלסט דאָ זיין
שווין אין שאָטן פון זיין שיין.

דער טאָג גייט אויף און דו גייסט איין —
וויִ קען דאָס זיין?
טאָג:
האָסט אַזוי פיל צוגעזאָגט
מיר דעמאָלט הייס־געטריי,
אין דיין ליבשאַפט כ׳האָב געגלויבט
און אַזוי פיל אויסגעטרוימט...

און אַצינד גייסט מיר פאַרביי,
נישט אַ בליק טוסט אין מיין זייט,
דרייסט צו מיר דיין פלייצע אויס,
שטויסט מיך צו דעם שוועל־אַרויס —
ווי וואָלסט צו מיר קיין שייכות
נישט געהאַט.
דו שמייכלסט שוין צו אַנדערע,
ווי צו מיר אַמאָל,
אָ, דין מיר נאָר דאָס מאָל
מיין קול:
— פאַרראַט, פאַרראַט!

בלומען

דיינע בלומען אויף מיין טיש
און דיין אָטעם אויף מיין לייב.
בלומען־בעכערס זאַפטיק פריש
שמעקן, וועקן: ווייב, ווייב!...

אויף דיין טישל מיין בוקעט
און מיין אָטעם אין דיין שפּאַן.
ווייט און צערטלט דיך און גלעט,
פליסטערט הייס און רופט דיך: מאַן!

דיינע בלומען אויף מיין טיש
קוקן נאָכאַנאַנד אויף מיר,
פון אַלע ריחות אַ געמיש
כוואַליעט זיך פון מיר צו דיר.

ביי מיר און דיר פאַרבענקטערהייט
בליט פונאַנדער בלום נאָך בלום.
עפענען די ליפּן ברייט,
רופן מיט די אויגן: קום! קום!

אונדזערע בלומען וואָס צעשיידט —
איינס צום אַנדערן רעדט און בעט.
ווילן מער נישט זיין צעצווייט,
ווילן ווערן איין בוקעט.

מיין תפילה פאַר דיר

ווי מאַמע געווען איז, נאָך מער בין איך פרום.
מיין תפילה איז הייסער — מיין תפילה איז שטום,
ווי טאַטע גאָטספאַרכטיק האָט געזאָגט און געזאָגט,
איך דאַוון אָן אויפהער ביינאַכט און ביי טאָג.

ביינאַכט, אין דער פינצטער, איז שיטער מיין שלאָף,
איך דרעמל מיט ציטער און כאַפּ זיך באַלד אויף,
עס צינדן זיך פונקען און איך זיי צעטרייב,
מיר דוכט זיך, זיי שפּיזלען און שטעכן דיין לייב...

ס׳ווערט הויל אַרום מיר — ווי אַ טיף־שוואַרצער תהום,
איך קוילער זיך איבער און דו אין מיין טרוים,
איך קייקל זיך האַסטיק אַלץ טיפער אַראָפּ,
די פיס אויף אַרויף און צום אָפּגרונט — דער קאָפּ.
עס צאַפּלען און ס׳וואַרפן, ס׳צעשיטן זיך גלידער,
און דו קלייבסט צונויף זיי און הייבסט מיך אויף ווידער.

ווי שבת און יום־טוב צעצונדענע ליכט,
מיט ציטער די הענט צעשפּרייט אויפן געזיכט,
פלעגט בענטשן מיין מאַמע עליה השלום,
בענטש איך דיך תמיד אין וואָר ווי אין חלום.
פלאַטערן זילבן נאָך שטילער פון שטילע,
פליסט פון מיין האַרצן אָן ווערטער מיין תפילה.

איך לעב נאָר אין אַנגסטן, מיר דוכט: דיר טוט ווי —
ס׳שפּאַלט ממעמקים אַרויס מיין געשריי —
צעוויגט זיך די ערד און די הימלען אין שטורעם,
צעטרייסלען און רייסן פון אבות די קברים:
— איז גזר דין חלילה? — נישט זיין זאָל די שעה —
עס מוז זיין אַ קרבן? — איז אָט בין איך דאָ!

צו שפּעט

ווען מיין פּנים וועט רונצלען זיך ווי קנייטש־פּאַפּיר,
וועט מיין בלוט נאָך אַלץ זידן און זינגען צו דיר.

מיין האַנט וועט דיין האַנט טאָן אין קראַמף אַ פּאַרדריק —
מיין לעצטער פונק וועט זיין אַ גלי פון דיין בליק.

דאָס לעצטע געזאַנג פון מיינע ליפּן וועט זיין:
דיין נאָמען, וואָס איז אין מיין וואָר נישט אַריין.

מיין ווידוי, דער סוד פון מיין האַרץ אויפגעקניפּט,
און מיין לעצטער צאַפּל וועט זיין: כ'האָב דיך ליב.

אָן אָטעם מיין לייב וועט פאַרגיין אין געפריר,
און ס'וועט נאָך מיין פּנים אַלץ שמייכלען צו דיר.

און גאָט אַליין וועט דאַן זיך שלאָגן על חטא־
צעצונדן דיין ליכט אין מיין הימל צו שפּעט.

דער בוקעט

מײַן שכנה, די רויקע מאַמע,
— ווי זעלטן ס'איז הײַנט אין די שטעט —
זי דאַרף גאָרנישט קויפן קיין בלומען,
זי האָט שוין איר אייגן בוקעט.

און גייט ווער פאַרבײַ נאָר איר דירה,
דער זעט ווי פאַרפּוצט ס'איז איר שוועל:
עס לויכטן צוועלף אייגעלעך שוואַרצע,
עס שײַנען זעקס פּנימלעך העל.

די ייִנגעלעך, מיידעלעך — בלומען,
און איינער פון צווייטן איז נאָר
אַ קאַפּיטשקע גרעסער און עלטער,
מיט קוים עפּעס מער פון אַ יאָר.

זי שטופּט נישט אין מויל זיי אַ ביסן —
ווי וואָלט איר געסטײַעט די הענט?
און אוי, האָבן זיי אַפּעטיטן,
אײַן קוק אויף זיי גלײַך מען דערקענט.

די ברכה באַזינגט די משפּחה,
די זון זי באַשטראַלט מיט איר בליק —
עס וואַקסן אַלץ גרעסער די בלומען
און צירן די שטוב אויס מיט גליק.

נאַכט פון וואַרטן

— — — — — — — — — — — נאַכט —
ס'איז קיינמאָל גאָר טאָג נישט געווען
און ס'וועט שוין נישט זיין.
נאַכט — פון אָנהייב ביז סוף,
ביז אין אייביקייט אַריין.

אוי! פאַרוואָס שווייגט אַזוי
עקשנותדיק די טיר?
פאַרוואָס גיט זיך דער שלאָס נישט אַ ריר?
— — — קיינער, קיינער עפנט ניט...
שאַ. האַרץ מיינס! טריט! טריט.
אָ, ניין! נישט ער, און נישט צו מיר.
דאָס גייט אַ רעגן איבערן דאַך
און שיט און שיט מיט רייד אַ סך.
אין געפּליסטער — זיסע רייד.
נישט מיין פרייד.

דער זייגער גלאָצט אויף מיר,
דער ווייזער קרייזלט האַסטיק־גיך
מיטן שאַרפן בלאַנקן שפּיץ,
נאָדלט אין מײַן האַרץ אַרום —
נאַכט, נאַכט.

אַ ברום: איך קו־ו־ום,
איך קום!
אָ ניין, ניין! נישט צו מיר.
דאָס שפּאַלט אַ דונער אויף
אין הימלען טיר נאָך טיר.
— בו־ו־ום! איך קו־ום!
אָ, נישט אויף דער ערד קען אַזאַ פרייד
אַ טרייסל טון —
שוואַרצן חלל פון דער נאַכט.
נאַכט, נאַכט.
שאַ! אַט צינדט זיך אָן מײַן שויב,
אויף מײַן פּנים ליכט אַ שפּריץ
— אפשר?

אָ נײַן! נישט ער.
דאָס בליצט אַ בליץ נאָך אַ בליץ
אַרויף מיט געאײַל,
און דאָ?
ווערט שוואַרצער נאָך פון שוואַרץ,
ווי ביים זײַגער פאַרגלעזערט מײַן בליק.
אויסגעהוילט, שטאַר, אָן שלאָף,
עס פאַלט און זינקט מײַן האַרץ
אין חשכות־פאַרזיגלטער הייל
פון נאַכט,
אָן אַן אָנהייב, אָן אַ סוף.

צירונג...

מאַמע, כ׳האָב דעם רייכסטן חתן!
וואָס, מע זעט עס נישט אויף מיר?
מיט רובינען און סאַפּירן
כ׳בין אינגאַנצן אויסגעצירט.

רינגעלעך אויף אַלע פינגער
טראָג איך מיר אין מיטן וואָך,
ווען זיין האַנט באַרירט מיין האַנט נאָר,
קריג איך נייע נאָך און נאָך...

אוירינגלעך, ווען זיינע ליפּן
פּליסטערן מיר איין אַ סוד,
און די לאַנגע ווייסע פּערל
פּערלען זיך ביי יעדן טראָט.

גליט ער אויס מיט זיינע בליקן
אויף מיין האַרץ אַ מעדאַליאָן
און בראַסלעטן — מיט זיין גלעטן
אויף די אָרעמס טוט מיר אָן.

מיט די קושן פון זיין מויל, ער
שפּיליעט מיר אַ בראָש אַריין,
ס׳אַראַ בליציקע ברילּיאַנטן
ס׳קען שוין ליכטיקער נישט זיין.

און אַ האַלדזבאַנד פון אומאָרמונג
וויקלט מיר אַרום מיט ברען,
כ׳ווייס נישט ווי עס הייסט די צירונג,
ס׳איז אַזוינס נאָך נישט געווען...

גיי איך אום אַזוי באַהאָנגען,
אַז סע שוועבט זיך גאָר אַליין
און איך שפּיגל זיך אין שפּיגל
פון מיין גליק! אוי, בין איך שיין!

פאַסטן מיר דאָס די מתנות!
כ׳שיין אין פולן גלאַנץ צעהעלט.
מאַמע, כ׳האָב דעם רייכסטן חתן —
גאָר די צירונג פון דער וועלט!

דיין שיף גייט אָפּ

דיין שיף גייט אָפּ
מיט יעדן אָטעם־צוג פון ברעג,
פון דיין ברעג,
דיין שיף גייט אָפּ און שלעפּט אַוועק
דאָס טייערסטע פון דיין פאַרמעג
רגעס, שעהן, נעכט און טעג
אויף קיינמאָל נישט צוריק,
אויף קיינמאָל נישט צוריק.

צאַפּלט־אויף דאָס בלוט אין שרעק,
רייסט זיך דיין געשריי פון ברעג,
דיין געבעט און דיין געוויין:
— לייב און זעל פון מיין געביין!

נאָר ס׳קען די שיף נישט בלייבן שטיין...
די כוואַליעס רייסן נאָכאַנאַנד,
(— שפּרינגען הויך און פאַלן טיף)
און זיי שוימען:
— דו בלייבסט אַליין,
אַלץ מער אַליין.
דיין שיף גייט אָפּ —
דיין שיף, דיין שיף — — — —

פאַרביקע כוואַליעס

עס באָדן זיך מיידלעך

עס באָדן זיך מיידלעך — יונג־פאַרביקע בלומען
אין בלויע, אין גרינע און געלע קאָסטיומען,
די טאַליע צעצווייט יעדע בלום אין אַ צווילינג.

דער אַלטער, גרוי־בערדיקער ים ווערט צעפרילינגט,
דער קאָפּ ווייס צעשויבערט, די ליפּן צעזונגען,
ער בחורט זיך, הייבט זיך, מאַכט לוסטיקע שפּרונגען.
מיט אימפּעט צום ברעג־צו די וואַסערן שפּאַרט ער,
אַזוי פיל חדשים אויף די טעג שוין — וואַרט ער.

עס רייסט זיך אַ ברומיקער קרעכץ פון די ליפּן.
אָך! ווי עס ווילט זיך אַ שפּיל טון, צעשטיפן.
און ברייטע צעוואַקסענע אָרעמס ער כוואַליעט,
ווו ס׳באָדן זיך שוימיקע לייבער פאַרסמאַליעט:
זון־אויגיקע, בויגיקע מיידלעך אויף ברעגן
אין פאַרביקע כוואַליעס זיך פלעכטן אַנטקעגן
דעם ימישן ברויז. טוט ער ערדישע טעכטער
אַ הייב — און עס שפּריצט זיך פונאַנדער געלעכטער —
און ס׳הוידען זיך, ווירבלען צוזאַמענגענומען
דער ים פון די כוואַליעס, דער ים פון די בלומען.

אַזוי פיל גאָלד

אַזוי פיל גאָלד
וואַרפט די זון
אויף דער ערד אַראָפּ צעשטראַלט,
נאָר איך ווייס נישט ווו עס פאַלט?

עס בלענדט מיין אויג,
עס ברענט מיין לייב,
און אויף מיינע הענט
קיין שטראַל פאַרבלייבט...

און איך וואָלט עס אַזוי געוואָלט!
זון:
ווייז אַ צייכן מיר,
מיט דיינעם אַ באַריר —
ווו טוסטו אַהין אַזוי פיל גאָלד?

אויף וועלכן באַרג?
אין וואָסער טאָל?
אויף וועלכן וועג
זוכן זאָל
איך, דיין ליכטיקן פאַרמעג.

אויסגעברענט שוין אויף דער ערד.
כ׳האָב אַזוי פיל טריט
און איך ווייס נאָך ניט,
כ׳ווייס נאָך ניט
ווו דיין ליכטיק גאָלד זיך שיט?

זון, זון,
וואָס וועט זיין דערפון?

כ׳וויל אויך אַזאַ!

טאַנצנדיק ים־מיידל! צעכוואַליעטע פּרייד!
אָ, זאָג מיר, איך בעט דיך, ווער האָט דיר געניייט
דיין שורשענדיקע צעפּעכערטע קלייד?
כ׳וויל אויך אַזאַ! כ׳וויל אויך אַזאַ!

און בליציקע טאַשמעס פון גאָלדענעם גלאַנץ,
וואָס הייבן זיך, ווינקלען און פינקלען אין טאַנץ
אין פונקען צעשפּריצן זיך און בלייבן גאַנץ.

אָ ים, דו באַרוישטער, פאַרטרוי מיר דעם סוד,
אין וואָסער לאַנד, זאָג מיר, און אין וועלכער שטאָט
און ווער צו פאַרקויפן אַ קלייד אַזאַ האָט?

עס ברויזן די וועלן
מיינע אָן רו.
איך וויל אויך געפעלן
אַ גלאַנץ טון ווי דו.

ים, דו ביסט אייביק,
דיין שוים נאָר איך בין.
אַ פּיצעלע חלק,
אַ רגע פאַרגין!

צי האָט אַ פאַרערער
געשאָנקען דיר, אַ?
טאָ זאָג מיר ווער איז ער?
כ׳וויל אויך אַזאַ,
איך וויל אויך אַזאַ!

איך וויל אויך דעם פרילינג!

איך וויל אויך דעם פרילינג אַזוי ווי די פלאַנצן,
איך וויל אויך ווי זיי זיך באַנייען אינגאַנצן.
מיט טוי און מיט שטראַלן אַ יעדן באַגינען,
מיט נייאינקע בלעטער און קנאָספּן צעגרינען...

אַראָפּטרייסלען וויל איך אַ בינטעלע יאָרן,
ווי ס׳ווערן די שפּיצן פוןביימער געשאָרן,
און ס׳גרינען־אויף צווייגן באַנייטע אויף וועגן,
כ׳וויל לויפן צעפרילינגט דעם זומער אַנטקעגן.

פאַרמעקן, פאַרגעסן פון אַלדאָס פאַרזוכטע!
כ׳וויל אויך פונסניי בליִען און צייטיקן, פרוכטן.
וואָס בין איך דען ערגער פון בוים און פון בלימל,
וואָס וואַקסט מיטן חסד פון ערד און פון הימל?!

אָ, מידקייט און שוואַכקייט — פון לייב מיינס אַרונטער!
עס בלויען די הימלען — אַוועק פון מיר ווינטער!
עס בליִען די רויזן און בעכערלעך וויין
שפּילן און שוימען אין האַרצן אַריין.

אַ גוטע נאַכט, ים

— באַלד — באַלד,
דערשווים איך שוין צום ברעג.
און ווילד ווערן כוואַליעס
פאַרן סוף פונעם געיעג
אין שרעק פאַרן שוימיקן פאַרגיין,
פאַרן אַנבליק פון דער בלינדער וואַנט
— דאַמבע פון שטיין.

באַלד — באַלד,
נאָר נישט איך שרעק זיך
פאַרן שטורעם פונעם סוף,
כ'האָב שוין פאַרן אָפּגרונט
מער קיין מורא ניט.
שוין אַ טאָג אַ גאַנצער באַלד,
ווי עס כוואַליען מיינע טריט
איבער שוואַרצע תהומען אויסגעשפּרייט
אַ טאָג!
און וויפל איז אַ טאָג?
ביז די זון פאַרגייט...

טאָ נעמט מיך
כוואַליעס־שווימענדיקע בערג!
טוט מיך אין געוויטער
אויף שפּליטער אַ צעשאָט
מיט געקלימפּער און געבראַזג,
מיט וואָי און וויי.
שוואַרצע אימה, לוסט־געשריי,
כוואַליע,ווירבלדיק געדריי,
דריי מיך אין דיין וויכערראָד אַרום,
זינק און הייב,
גלעט און שנייד
און פּאַרטויב
דאָס געברום
פון לעצטן שטורעם אין מיין לייב!...
באַלד, אָט —
דערשווים איך שוין צום ברעג
מיד און מאַט,
אַ צעשוימטע כ׳פּאַל אַוועק,
און כ׳הער זיך צו
ווי ערגעץ־ווו
פון דער וויטנס
וויטער זידט און שפּריצט,
נאָר מיר איז גוט, איך בין געשיצט
אויף דיינע אָרעמס, ראַנד פון רו...

מיר איז גוט, ווי גוט מיר איז!
די זון איר בלויעם טויערטאָג פֿאַרשליסט,
פֿאַרשטעמפּלט מיט אַ פּייערפּלאַם. —
און דו, דו?
לעשט מײַנעם אויס,
מיט אַ לעצטן כוואַליע־קוש
שליסט מיר מויל און אויגן צו.
אַ גוטע נאַכט, ים!...

דאָס געבעט פון קלעטער־פלאַנץ

בוים, מיט טיפן וואָרצלדיקן טראָט —
פאַרלענד מיך נישט!
כ׳בין אַ פלאַנץ פון דיין גענאָד.
מיין הייבן זיך און פאַלן
איז אין דיר געווענדט,
אין דיינע הענט,
פון מיין שיינקייט
וואַקסן און בליִען — דער סוד.

פאַרלענדט מיך ניט!
נעם מיך מיט!
איך בין אַ קלעטער־פלאַנץ,
צעווינטל און צעפלאַטער
מיך אין טאַנץ
צום טאַקט פון דיינע
אין דער לופט זיך הייבנדיקע טריט.

איך טוליע זיך אַרום דיינע אָרעמס
פולע פעסטע צווייגן,
הער מיינע בלעטערדייד,
פאַרדבקעטע אין שווייגן
ריזלט דורך מיין דינסטן אָדערל
ס׳געבעט:
זיי גוט צו מיר,
איך הענג אויף דיר
און וויקל זיך
אַרום דיין גאַנצער ברייט אַרום.

אָ, זע מײַנע בלומענאויגן
זיך עפענען פרום
אַ יעדן באַגינען
און ליכטיק אויפגעשטראַלטע
פאַרביק זיך צעשפּילן.

אַ גאַנצע נאַכט צוגעמאַכט,
בלינדערהייט,
גיב זיך איבער צו דײַן ווילן.

מיט צערטלגלעט און שטומגעבעט
צאַפּלט יעדעס בלעטעלע צו דיר:
זײַ גוט צו מיר!
זײַ גוט צו מיר!

מיט ציטערצוק אַ בוק זיך טיף אַראָפּ
צום חסד פון דײַן הויך־געשטרעקטן קאָפּ:
זײַ גוט צו מיר!
זין פון לעבן מײַנס איז דײַן באַריר,
מײַן אָנלען ביסטו מיר
און איך — דײַן ציר.

פון צווייג צו צווייג,
הייב איך זיך און שטייג
אַרום דיר אַרומגעהאַנגען
אַרויף צו די שפּיצן פון דיין קרוין.

איך בלי אין געזאַנג פון געזאַנגען
צו פאַרפלעכטן זיך מיט דיר
אין איין וונדער־בוים!

דאָס געוויין פון דער ווערבע

און אַז איך בין הויך און שלאַנק,
וואָס קומט אַרויס —
אַז נישט דערשפּירט כ׳האָב דעם באַריר
פון אַ פּירה אין מיין שויס.

און אַז שטאַלטנע מיין געצוויג
און מיין הויט איז ליכטיק גלאַט,
לענגלעך דין, שטייף און גרין
מיין יעדער בלאַט,
און ווער עס זעט מיר נאָר בלייבט שטיין:
— קיין עין־הרע,
צווייגיק בויגיק, אַ פאַרשוין!

וואָס קומט אַרויס,
אַז דאָס חיות גייט מיר אויס
פאַר אַ קנאָספּל פרוכט.
וויפל סגולות שוין געפּרוווט
און זכות־אבותן געזוכט?
קוים צו כאַפּן מיטן אויג
ווו ס׳האָט מיין שפּיץ שוין אָנגעשפּאַרט.
וויפל זמנים שוין,
אַז איך וואַרט און וואַרט,
און וואַרט...

אָט, ביי מיין זייט דער עפּלבוים,
פון דער ערד געוואַקסן קוים,
קרעכצט אונטער דעם עול:
אויפצוכאָוועז יאָר נאָך יאָר
אַזוי פיל פּעמפּיקלעך מיטאַמאָל!
פון דער שווערער משא
בייגן זיך איר די צווייגלעך אויס,
און אַזאַ בריאהלע
בליט פון זיך אַרויס
צעקרימטערהייט
רונדע, ראָזע עפּלעך.
סאַראַ פרישע בעקעלעך!
אַך, סאַ פולער בוים מיט פרייד!
אַוועקגעגעבן כ׳וואָלט
כל הון שלי,
כ׳זאָל זוכה זיין איין צעבלי!

יאָר נאָך יאָר,
דער גרעסטער מומחה־ווינט,
אַ וועלט באַרייזט ער זיך געשווינד,
און מיך אויך נישט פאַרגעסט,
איך וואַרט פון אים
אַ רפואה — אַ נס.

אַלע מיינע בלעטער רייסט ער אָפּ,
לאָזט מיך נאַקעט, הויל און וויסט,
און צוליב וואָס? —
אומזיסט, אומנישט...

נאַכט נאָך נאַכט,
פון ווערבע אויגן טרערט
אַראָפּ אין קישן פון דער ערד...

דער ווינט אין שטאָט

וווּ־וווּ!
דרייט און ווייט דער ווינט און קלאָגט
וואָיעוועט איבער אַ ראָג,
וווּ־וווּ!
פּלאָנטערט זיך פאַר יעדנס טראָט:
— מענטשן, גוואַלד, רחמנות האָט,
לאָזט אַרויס,
איך גיי אויס,
איך ווער אויס
אין דער תפיסה פון דער שטאָט!

מיטאַמאָל — אַ ריס, אַ שטויס:
— כאַ־כאַ, כאַ־כאַ, האַלט זיך גרויס
הויכע ווענט,
פונדאַמענט —
קייקלט זיך דער ווינט און לאַכט.
פעסטע מויערן, אַ מאַכט?
כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ!
פלוצים אין אַ טאָג אַזאַ
ברעכט זיך אײַן
און פאַלט אײַן.
איך! נאָר איך!
אָט אַזוי־אָ דריי איך זיך
אומעטום אַרײַן —
אַרויס,

לופטיק גרינג,
לויף איך, שפּרינג
איבער גראַטעס־צוימען־הויך —
פּאָרויס!

העי, העי!
טוט אַ דריי זיך און אַ בלאָז,
וויל זיך געבן אַ צעלאָז:
— העי!
כ׳בין אַ מדבר־קינד,
שטאַם פון שטורעם־ווינט,
הויכן, איז מיין שפּרונג,
מײַלן, איז מיין טראָט!

הין און הער,
איך צעקער
די זאַמדן אינעם סטעפּ,

אַראָפּ דעם יאָך!
מיט איין פּאָך,
איך וועל צעשמעטערן! —
און ער פאַלט אַוועק
אָן אַן אָטעם אויף אַ טרעפּ.

מיטאַמאָל — אַ הויב.
אַ שאָט אַ דרויבל שטויב;
— ווי־וויי
צום האַרטן שטיין
מיט אַ געוויין פּאַלט צו:
ווי!
בין איך דאָ אַריינגעפאַלן,
ווי?
מען שמידט מיך צו:
טויט פאַר מיר איז רו!

לעקט אַ פוס און קושט אַ האַנט,
נעמט זיך האַקן קאָפּ אָן וואַנט.
ווי משוגע ווילד פאַרביי.
— ווי־אוי־ווער,
האָט מיך געבראַכט אַהער?
פאַרנאַרט
פאַרשפּאַרט,
צעפליקט —
עס שטיקט!
וואַנט אויף וואַנט,
שטאָק אויף שטאָק,
הויז אויף הויז,
לאָזט אַרויס —
אַ — רויס!

אַ יאָג, אַ טראָג איבערן הויף,
אַראָפּ, אַרויף!
רייסט דעם טויער;
עפנט אויף —
אויף!
לעצטע כוחות נעמט צונויף,
פייף און לויף —
לויף!
גאַס־איין, גאַס־אויס,
לאָזט דעם אימפּעט נישט אַרויס,
שטאָט איז גרויס,
ציט זיך אויס!
גיכער — וויכער — זיכער —
זיכערער פאָרויס!
אַרויס —
אַ — רויס!

טאַנצט דער ווינט אַ קאַראַהאָד
פריי —
פריי פון שטאָט!

אַקאַנקיכאַ *

אַקאַנקיכאַ! גרינס און בלומען
גיט אַ בלענד־אויף מיטאַמאָל.
דרייען מיר זיך רונד אַרום אים,
קרייזלען אום ווי אין ספּיראַל.
טוקומאַן און די אַרומען
הויבן זיך אַרויס פון טאָל.

— צויבערפרייד! און אַלע בליקן
פראַלן זיך מיט וווּנדער אויף,
פרייד־געשרייען פון אַנטציקן
גיסן זיך מיט שרעק צונויף:
ווי אויף הענגענדיקע בריקן
הייבן מיר זיך אַלץ אַרויף...

און אַרום דער גאָרטן שפּרייט זיך,
ציט זיך איין און ציט זיך אויס,
ביי די פיס פון באַרג ער דרייט זיך,
לויפט אַריין און לויפט אַרויס;
אַלע ווײַלע ער פאַרגייט זיך
און אַנטפּלעקט זיך ריזיק גרויס.

---

* אַ באַרג ביי טוקומאַן.

שנירלען וועגן זיך אינמיטן,
אין דער לענג און אין דער ברייט.
אויף דער ערד דער העל־צעבליטער,
ווי אַ טעפּיך אויסגעשפּרייט,
גלייכע לעקעכלעך צעשניטן,
שיינט־אויף בייט אַנטקעגן בייט.

אין בלויער זוניקייט זיך באָדן
פלאַנצן־מינים אָן אַ שיעור,
און די גרינע קוטשמעס האָבן
זיי מיט קרעלן אויסגעצירט:
סעדער־ביימער אָנגעלאָדן
פול מיט פּירות גאָלד־קאָליר.

אויף די אויסגעהאַקטע וועגן,
אויפן פעלדזיק־גרינעם קאַרק,
הייבן מיר זיך אין זיג־זאַגן
העכער, העכער אויפן באַרג,
און מיט אונדז אויך ביי די ברעגן
וועלדלט זיך אַרויף אַ פּאַרק.

שטאַמען פול מיט גרינע צווייגן,
ביימער, ביימלעך אַלערליי,
העכער קלעטערן אין שווייגן
אין משופּענעם געדריי,
און אין בליִענדיקן שטייגן
גוטע ריחות שפּרייטן זיי.

ווייסע וואָלקנדלעך אַנטקעגן
נענטער, נענטער שווימען אָן;
דוכט זיך, ווי זיי וואָלטן פרעגן,
וואָס מיר האָבן דאָ צו טאָן.
נידערן פון אונדזערטוועגן
שיר דערלאַנגען זיי מ׳קאָן...

אויף דיין שפּיץ די פיס מיר שטעלן —
טיף אַראָפּ ווייט קוקן מיר,
וואָס מען זעט, איז אַלץ געפעלן,
נישט צום שיידן זיך פון דיר.
אַקאַנקיכאַ, שטענדיק וועלן
מיר געדענקען דעם שפּאַציר!

פון ים דער שניטער

אין אַ זון־הוט רונד די ראַנדן,
גאָלדיק־לאַנגע דינע פּראַנדזן,
ברייט צעכראָסטעט העמד זיין בלויע —
שניידט דער שניטער, ווייסע תבואה.

שפּרייזט מיטווילדער פרייד צעגליטער,
גאַנצע סנאָפּעס זאַנגען שיט ער:
— העי! איך בין פון ים דער שניטער,
ווייט, אָנסופיק מיינע גיטער.
וואָס מיר שטורעם און געוויטער —
איך בין האַר דאָ און געביטער!

און די גראַבליעס פון די ווינטן
הייבן, הורבען מיינע בינטן
איבער מיילן ווייט צעפלויגן. —
ווייסע בערג, איר מיינע סטויגן,
נישט אייך ברענען קען אַ פייער,
נישט איך זאַמלען דאַרף אין שייער,
נישט פאַר אייך קיין ווענט און דעכער —

שפּריצט און שפּיצט אַרויף אַלץ העכער
זאָל דער ים מיינער פון אונטן
הייבן זיך פון טיפסטע גרונטן
צו דעם ים פון זון און שטערן,
ים מיט ים — איין ים זאָל ווערן!

ברוך ה׳ יום־יום

אויפֿן בוים
בלאַט צו בלאַט נויגט זיך צו:
— ברוך השם
אַ לויב פֿאַר דעם.
לופֿט פֿאַר יעדן איז פֿאַראַן
און אַ שטענגל אויך.
אַ נפֿקא־מינה
אינדערנידער, אינדערהויך?
אונטן ווינציקער אַ שטראַל,
בלאָזט אויבן מער דער ווינט,
און אין בלעטער־פֿאַל
ווערן אַלע גלייך.

אַ יעדע רגע האָט איר פֿרייד,
און ווען מיין גרינע קלייד
איך פֿאַרליר —
שיין איך אויף אין גאָלד־קאָליר,
און אויף דער ערד
אין לעצטער שעה
טראַכט איך נאָר:
אם ירצה השם
וועלן בלעטער טאַנצן דאָ
אויך איבעראַיאָר.

וויגט אין תענוג זיך דאָס גראָז:
— און אַז ביי דער ערד איז וואָס?
פעלט חלילה אויס אונדז ליכט,
הימל־בלוי, מאָרגן־טוי?
און מיר טוליען זיך געדיכט
איינס צום אַנדערן אַזוי —
ווי גוט, ווי גוט!
אַ לויב דיר האַר פון לעבן,
פאַר יעדער מינוט!

טאַנדיל*)

מיט טריטעלעך דראָבנע, געמיטלעך און שטיל,
באַוועגט זיך געלאַסן דאָס שטעטל טאַנדיל.
אין פאַרטעכער ווייסע און טשיפּיקעס העל,
זיצן זיך הייזער ווי באָבעס אויף שוועל.

הויבן זיך אויף אויף אַ טרעפּעלע קוים:
וואָס דאַרף מען זיך רייסן אין הימלישן רוים?
און שמייכלען צופרידן: ווי רויִק ס׳איז, זעט —
ווער דאַרף זיך עס גלייכן צו ריזיקע שטעט?

מוחל די שטאָקן, דעם רעש און דעם ליאַרעם,
אונדז איז דאָ גוט, אַזוי ליכטיק און וואַרעם,
און יאָגט דורך אַן אויטאָ אַ פרעמדער פון ווייט —
קוקן זיי אָן אים: משוגענע לייט...

דער פּלאַץ, וואָס אין צענטער פון שטעטל, זעט אויס
אַ פרישער, נאָר־וואָס פון פריזירער אַרויס:
עס ליגט אויפן אָרט יעדעס הערל פון קאָפּ
און ס׳גליטשן זיך לאַנגזאַם, ווי גלידער אַראָפּ,
גאַסן נאָר־וואָס אויסגעצוואָגענע ריין,
וואָס בעטן זיך: ניטע, פאַרזיכטיק גיין...

*) טאַנדיל — אַ שטעטל וווהין מ׳פאָרט אַרויס אויף אָפּרו זומער.

און רונד אַרום שטעטל, ווי אויף ערן־וואַך,
שטייען זיך בערג, ווי מיט אויגן פאַרמאַכט;
נישט גאָר עס אַרט זיי: צוזאַמען, אַליין,
מען האָט זיי אַוועקגעשטעלט, דאַרפן זיי שטיין;
מיט פליכענע קעפּ, אָדער גלאַטיק פאַרקעמט,
נעמען זיך ערגעץ־ווו אָן פאַר די הענט.

אויף איינעם, דעם גרעסטן משופּענעם קאַרק,
קלעטערט צעוועלדלט דער שטעטלשער פּאַרק.
פאַרשמעקט ער מיט אַלערלייביימער אַרום,
ווינקט מיט די צווייגן צעגרינטע: קום, קום!
צוויטשערן פייגל: „ציף־ציף" טאַקע יאָ,
איז ערגעץ ווו בעסער, נאָך פרישער ווי דאָ?

און ס׳ווינקען די פעלדזן: וואָס נאָר איינער וויל!
זון־בעדער, שאָטן פאַר קינדערלעך, שפּיל,
און שטייגן אַלץ העכער אויף טרעפּ פון גראַניט

ברוינען זיך שטאָט־לייט אויף שטיינער צעגליט,
קוויקן זיך, שעפּן פֿון אַלץ מיטאַמאָל:
די לויטערע לופֿט, פֿון באַרג און פֿון טאָל,
פֿון זון און פֿון ווינטל וואָס בלאָזט אַזוי קיל —
איי, מ׳זאָל קענען מיטנעמען טאַנדיל!

ביימער אין דער נאַכט

פון רוישיקן טאָג אויסגעטועטע גאַסן
אין נאַכט זיך פאַרהילן און רויק, געלאַסן,
איינע קעגן דער צווייטער שטיל לייגן זיך אויס,
און פינקלען מיט ליכטיקע אויגן אַרויס...

און פורן אַלץ זעלטענער איבער זיי פאָרן,
פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן די אייזערנע שטאָרן.
הייזער אין הייזער פעסט טוליען זיך איין,
קלאַמערן זיך טיפער אין שאָטן אַריין.

ווערט אומעטיק, ביימער — צעשיידטע זיי שטייען
און פון זיך אַליין זיך צעבוימען, צעצווייען:
אַ בוים אויף דער גאַס און אַ בוים אויף דער וואַנט
און אין צוויג דעם צווייטן גיט זיך די האַנט.

און בלעטער מיט בלעטער מיט סודות זיי ווייען
האַלדזן זיך, קושן, זיך וויגן אין צווייען,
זאָל זיין ס׳איז דער שאָטן, זאָל זיין ס׳איז געדאַכט.
אַבי נישט זיין עלנט אַליין אין דער נאַכט...

צו אַ בינטל ווייַנטרויבן

דו האַלסט זיך שוין קוים
אויפן צווייגל דעם דינעם,
דייַן הויט וועט באַלד פּלאַצן
דייַן ווייַן וועט אויסרינען,
דו וועסט דאָ פאַרלירן
דייַן זאַפט און דייַן זינען,
נישטאָ דאָ פּאַר ווערמען
דייַן חלום צו שפּינען.

אין ווייַן אויפגעשפּילטן
ביי מיר וועט געפינען
דייַן ברויז אין מייַן בעכער,
און כ׳וועל דיך אַלץ העכער
אין שיכרות דערהייבן.
וועסט צינדן און וועקן
אויף שטרעקעס און שטרעקעס —
קום, בינטעלע טרויבן!

האָט ווינטל ווינטל נאָך ווינטל
דעם בינטל געצויגן,
און ס׳האָבן זיך הייסער
געצונדן די אויגן.

איז אָנגעפלויגן
אַ ווינט אַ צעגליטער,
אַ טרויבן־שניטער,
אין סאָד אַ געניטער.
אַ שפרונג מיט געזאַנג,
אַ געשליפענע צוואַנג
אַ צי פונעם בוזעם אַרויס.
אַ פיק —
און ס׳בינטעלע ווייַן
איז אַריין
אין
קויש — — —

ריאָ־האַנדאָ *

טיף אין לאַנד אַריין צו צפון
ליגט די ערד נאָך האַרט פאַרשלאָפן;
נישט געאַקערט, נישט געזייט
אור־בראשיתדיק זיך שפּרייט.

ציִען לאַנג זיך שטרעקעס, שטרעקעס
כאָטש אויף כּוח נעם צעוועק עס —
מיט אַ ברייט צעצויגן מויל
געניצן זיך מיד און פויל.

וויסטע שטחים, מײַלן, מײַלן —
וווּנדערן זיך וואָס סע אײַלן
דורך מאַשינען אַזויפיל:
— וואָס און ווען, צו וועלכן ציל?

קאַקטוס־קאָרטשעס פול מיט שטעכער
ווילן גאָרנישט וואַקסן העכער —
פויזען, פויזען ביי דער ערד
און פאַרוואָרצלט גלייך מ׳ווערט...

ביימלעך ווילדע ווי זיי וואָלטן
זיך פאַרפלאָנטערט אין איין קאָלטן;
אַז סע שיט די זון מיט פלאַם —
ווער האָט דאָ אין זין אַ קאַם?

---

* אַ קוראָרט.

פליִען אויטאָס גלאַנציק גלאַטע,
פון די זייטן תּמעוואָטע
קוקן זיך די פעלדער אָן:
— וואָס האָבן זיי דאָ וואָס צו טון?

נאָר די זאַמדן אויף די וועגן
טאַנצן פריילעך זיי אַנטקעגן
הורבעסווייז זיך פלינק אַ הויב
און אַ דריי, אַ שאָט מיט שטויב.

און פון בלאָטע אויסגעקנאָטן,
ווי אַ בערגל אויפגעשאָטן
אין דער סומנער ווייסטער רו —
גרויט אַ הייזקע ווו נישט ווו.

זעט מען קינדער ביי די ווענטלעך,
שוואַרצע, דאַרע פיסלעך, הענטלעך,
אַז ס׳פאַרקלעמט דאָס האַרץ אין ווייִ!
— עסן זיי, וואָס טרינקען זיי?

און אַן אייזעלע און ציגן
עסן זיך אַ פאַרגעניגן:
שטענגלעך־דרענגלעך צופּ און ביס,
ווערן זאַט פון וואָס נישט איז.

פייגעלעך ציפּציפּן זינגען,
צווישן געלע גרעזלעך שפּרינגען.
פלי‌ען, פּיקן הין און הער:
אַ ברעקעלע וואָס דאַרף מען מער?

ווייס פאַרויכערט איז דער הימל
חלשט פון דער היץ אַ דרימל
פאַרעט, כמאַרעט זיך אומזיסט
און די ערד בלייבט טרוקן, וויסט.

אַלע ווייל אַ כמאַרע שפּאַלט זיך,
קריכט אַרונטער זון, באַהאַלט זיך:
— אַ רחמנות אויף דער ערד,
נעבעך דורכגעבראָטן ווערט!

און לבנה האַלט זיך שולדיק
פאַר דער ערד, וואָס וואַרט געדולדיק,
בעט אַרויף צו איר געזיכט:
— וואַסער, וואַסער אָנשטאָט ליכט!

שווימט זי דורך די נעכט אַרומעט
גרויס און פול מיט בענקשאַפט אומעט:
— אַזאַ גרויסער הימל פליין
און זי איז כמעט אַליין.

ס׳גאַרט די ערד זיך אָפּצוקילן
ברענענדיקן דורשט צו שטילן;
רעגן, וואַסער, פרישע גראָז
לאַנג פאַרגעסן וואָס איז דאָס.

שניידן דורך דעם וועג קאַנאַלן
טיף אין גראָבנס, איינגעפאַלן,
שעמען זיך פאַר חוזק שפּאָט:
נישט אַ טראָפּנדל מען האָט.

און אָט די קרוכלע ערד די בלייכע
גרינסן בלומען נישט קיין זכר,
איז באַשאָנקען מיט אַ זכות:
מיט אַ הייסן קוואַלן־פלוס.

קוועלן קוואַלן און פאַרטיילן
נישט פאַר קראַנקער ערד די היילונג.
נאָר דורך זייער שטראָם דער מענטש
מיט רפואה ווערט געבענטשט.

פערל

עס טרעפט, דער מוטנער ים פון ברעג
וואַרפט אַמאָל פון זיך אַרויס
אַ טאָג — אַ פערל — שיין און גרויס
ווי די בענקשאַפט אויפן ברעג.

ס׳האָט דיין גורל דיר געשענקט,
כאַפּ און הייב די פערל אויף
איידער נאָך פון כוואַליע לויף
קריק אין ים זי ווערט פאַרשוועכט.

אין וואָכנטעג פון זאָרג און פיין
דער טאָג וועט לויכטן ווי דאָס גליק,
און פונעם פערל וועט דיין בליק
ווערן פול מיט פערלשיין.

בלומען פון סעזאָן

בליט אַ רויז זיך שטיל און אידל
אין איר רויזן־אַרטיק קליידל
איר קאָליר און איר מאָדעל.
ראָז איז ראָז, און רויט איז רויט און
ווייס איז ווייס, און געל איז געל.

און פּוצט אַ רויז אַמאָל זיך אויס
מיט נאָך אַ מין, אַ ברעג, אַ זוים,
אַ בלעטל־קעלנערל אַ קליינס,
איז עס צו דערקענען קוים,
אַזאַ פאַרבן־זיווג
ווי צונויפגעגאָסן איינס.

אויסגערונדיקט, אָפּגעליאַמעט,
דופּטנדיקער זייד און סאַמעט
און סאַראַ קאָלירן עכטע!
נישט פון היינט און נישט פון נעכטן.
פאָרמען, פאַרבן פון מלבושים
בלײַען איבער בירושה
דור איין, דור אויס
פון רויז צו רויז...

בליִען די רויזן, בליקן און שטוינען
קענען זיך אַלץ נאָך נישט צוגעוווינען:
— ווער זענען עס די דאָזיקע
בלומען אַזוינע,
ווי קומען זיי אַהער אין גאָרטן אַריין
אויך?
נישט זיי וואָרצלען טיף, נישט זיי הייבן זיך
הויך,
אויף אַ שטענגעלע דין,
וואַקלדיק הער־הין
פון דער ערד אַ שפּראָץ אַרויס,
נאָר וואָס אויפגעקומען,
בלומען?

בלומען פון סעזאָן.
סאַראַ פירונג, וויפל צירונג
מיטאַמאָל זיך אָנגעטון.
קעפּלעך־ברעקלעך
און סע באָמבלען זיך ווי גלעקלעך
וויפל מינים אויער־רינגען,
מיט אַ יעדן ווינטל שפּרינגען
טאַנציק — גלאַנציק.

ס׳אַ פריזורן, קרעלן־שנורן,
קליפּסן, בראָשן און בראַסלעטן
און די אייגלעך דורך שטאַכעטן
בליאַסקען אויף און נישט איין פרעמדן
גאַסט, צום ערשטן מאָל פאַרבלענדן...
מיט דער פאַרביקייט פאַרפירן. —
נאָר זיי צירן זיך און שמירן,
סאַראַ מיש־מאַש פון קאָלירן!

אויפן בייטל־בלום אויף בלימל
שטויסן זיך. ס׳וויל אין געווימל
מיט איר פירונג, מיט איר צירונג
איינס די אַנדערע איבערשטייגן...

גייט אַ חודש, צוויי פאָריבער,
און עס בלייבט פון זיי נישט איבער
אויפן צווייטן יאָר אַ צווייגל,
נישט אַ וואָרצל — זיי פאַרשווינדן
פונעם גאָרטן, נאָר אַצינד אָ
אַזוי פול און שווער באַהאַנגען,
אז סע בייגן זיך די שטאַנגען.
— — — — — — — — — — — — —
שטוינען די רויזן און קוקן זיי אָן:
— זיי וויסן שוין גאָרנישט וואָס אָנצוטאָן
די בלומען פון סעזאָן!...

לאַכט אַ רויז...

אין מיין פענצטער לאַכט אַ רויז:
— און אַז איך בלי טעג נאָר בלויז?!
און נישט מ׳נעמט זיך גאָר די מי
צו פאַרלענגערן מיין בלי...

און ווער טרינקט דען נישט מיין דופט?
ווער באַזינגט נישט מיין קאָליר?
און אַ מינדסטער ווי אין לופט
לייב און לעבן רייסט פון מיר...

נישט קיין מלא׳ס טרויער־פלייט —
לויב געווין מיין סוף באַגלייט,
מיינע בלעטער קנאָספּנפרייד
פאַלן, פאַלן שטילערהייט...

און עס יאָגט זיי, טראָגט דער ווינט,
ערגעץ מיטן שטויב פאַרקערט —
גלידערווייז איך פאַרשווינד
אָן אַ זכר פון דער ערד.

נאָר — איך לאַך, איך לאַך זיך אויס!
פאַר מיר, נאָך מיר, רויז נאָך רויז,
לאַכט פונאַנדער זיך מיט לוסט:
עס קוועלט, עס דופט, עס בליט מיין קוסט!

ווייסער חלום

ווייסער חלום

לאַכנדיקער פּנים פון דער נאַכט
צו אַ וואַכנדיקן פּנים
אין אַ פענצטער לאַכט.
בלי‏ען אויף ערשטע צווייגלעך —
פּופּצן יאָר,
מיט שמעקנדיקן ווייסן צוויט;
הענגט זי אָן איר חלום
אויפן ווייסן פּנים
פון דער נאַכט.

ווייסער פּנים פון דער נאַכט
צו אַ ווייס פאַרשוימטן פּנים לאַכט:
— די ערשטע צענדליקער
פאַרשיכור ניט!
זע דיין טרוים אויף מיר
מיט פּירות בליט.

בלי‏ענדיקער פּנים פון דער נאַכט
ביים פאַרמאַכטן פענצטער וואַכט.
שאַ שטיל — שאָטנס נאָר
הינטער פערטן צענדליק יאָר
נאָך ראַשיק רוישיקע טעג
אַלע לאָדנס צוגעמאַכט...

אויסגעבלייכטער פּנים פון דער נאַכט,
שלייכט אַריין זיך שטיל פאַרטראַכט:
(אויפן זעקסטן צענדליק יאָר
אין פענצטער אויפגעמאַכט).
— כ׳האָב דיין ווייסן טרוים
דיר פון אַמאָל געבראַכט —
ווייס בליִען דיינע האָר...

לחיים

אָפּן זענען טירן־פענצטער
די חדרים פון מיין דירה.
ווער עס וויל קען צו מיר קומען
טיילן זיך מיט מיין עשירות.

אַלטן וויין פון נייע פלעשער
טרינקען וואָס אים וועט געפעלן.
כ׳האָב אַליין עס אָנגעצאַפּט דאָ
אין מיין אייגן טיפן קעלער.

יעדן איינעם כ׳בין מכבד,
ס׳איז פון גורל מיין באַשערטן.
זופט און פּרוווט אויס אַלע טעמים,
זיס און זויער, שטאַרק געיערטן.

נאָר מיין קעלער, וואָס דאָרט טוט זיך!
ס׳איז אומזיסט איר זאָלט מיך פרעגן.
כ׳הייב אַליין נישט אָן צו וויסן
פון מיין אייגענעם פאַרמעגן.

כ׳לאָז זיך אַלעמאָל אַרונטער
מיט מכשירים פול באַלאָדן,
און מיט בלאַנקע שאַרפע שפּיזן
גראָב איך זיך אין בתולה־באָדן.

אַרבעט איך אויף אַלע כלים
אין דער פינצטער אָפּגעשלאָסן,
טיפער־טיף אַריינגעשפּאָלטן,
שטיינערד מיט מיין טוי באַגאָסן.

שפּריצן שפּריצלעך מיר, אין פּנים
און די אברים מיינע דרעשן,
פינקלען פונקען זיך צוזאַמען
אין אַ ליכט נישט צום פאַרלעשן.

זע איך טיפן, טראָפּנס טריפן,
אונדזער וויין, אַזאַ מתיקות!
גיט ביים ערשטן זופּ אַ ברי נאָר,
באַלד אויך מיר אַליין דערקוויקט עס.

טראָפּ צו טראָפּן צוגעטראָפּלט
און אָט שוין אין שורות פליסן;
ווער האָט עס פאַרגרייט די זאַפטן?
ווער, די טרויבן האָט געריסן?

וויפל הענט געפלאַנצט דעם פּרדס,
אויסגעבראָנעט און צעגראָבן,
וויפל פייערן געלייטערט,
אַז איך זאָל די זכיה האָבן?!

— — — — — — — — — — —

שטיינער שלאָגן, טיפער גראָבן,
זאָלן מיר נאָר כלים סטאַיען!
און פאַר עם ועדה טראָג איך
גאָר אַ נייעם ווין — לחיים!

אַ דיאַדעמע

ס׳האָבן דינע הענטלעך, פּיסלעך,
פלינק אַ גאַנצע נאַכט געשפּינען
פעדעם, קניפּלעך, און צו ביסלעך
פאַרטיק אַ געוועב. באַגינען

האָט דער פרישער טוי דערזען עס,
פּערלדיק זיך אָנגעהאָנגען,
אַז די זון מיט נייעם ברען איז
קעגנאיבער אויפגעגאַנגען,

איז דאָס איר אַזוי געפעלן,
אויסגעצויגן אירס אַ האַנט און
אינדערלופטן גלאַנצן קרעלן
אַ דיאַדעמע פון ברילִיאַנטן...

הייבן זיך אַרויף די בליקן,
אויפן וווּנדער אַלע גאַפן:
— אוי ווי שיין! ס׳איז צום אַנטציקן!
ווען און ווער האָט עס באַשאַפן?!

שפּעטער

ס׳האָט די זון מיר אַ מתּנה
אײרס אַ האַלדזבאַנד אָנגעשנירלט.
האָט צעלויכטן זיך מײַן פּנים
אי פון פרייד, אי פון סכּנה.

וואָס וועלן די שכנים זאָגן?
ס׳וועט זיי אויפרייסן די אויגן:
אָט אַזעלכע עכטע קרעלן
אויף איין שנור אַרויפגעצויגן,
זאָל אויף זיך איין האַלדז נאָר טראָגן?

און באַהאַלטן כ׳האָב מײַן האַלדזבאַנד
אין אַ טיפן סאַמעט־שאַכטל,
אין אַ שופליאָד אַ פאַרמאַכטן,
ווו מען האַלט נאָר אַזאַ צירונג
און פאַרריגלט טיר נאָך טירל
פון מײַן אַלמער — ברעט צו ברעטל,
און געוואַרט איך האָב אויף שפּעטער:
— שפּעטער, שפּעטער,

שפּעטער, ווען ס׳וועט טונקל ווערן,
קײנער וועט נישט זען, נישט הערן,
ווען קײנער וועט נישט זען, נישט וויסן,

אין מיין שאַנק אַ דריי דעם שליסל —
אַלע טירן כ׳וועל אויפשליסן
אָנטון זיך דעם האַלדזבאַנד מיינעם:
איי! וועל איך זיך דאָס צעשיינען!

און אַז די זון איז שוין פאַרגאַנגען
און מיין שויב מיט נאַכט פאַרהאַנגען
האָט זיך מיין פרייד געצונדן:
באַלד! באַלד!
און כ׳האָב מיין אַלמער אויפגעפּראַלט —
געוואַלד!
ווו איז מיין זוניקע מתנה?!
עס שנירלט זיך און שניידט מיין פּנים —
אַ בייטשל קרעלן פון געוויין:
— מען האָט באַגנבעט מיך!
ווען איז דאָס געשען?
קיינער איז דאָ נישט געווען
נאָר איך אַליין, איך אַליין...

וואָכיקע, יאָכיקע טעג

די וואָכיקע, יאָכיקע טעג,
באַשווערן דאָס לייב, דאָס געמיט.
און פלאַסטערן אויס דעם וועג,
אַז פעסט זאָלן גיין דיינע טריט.

און זיכער צום ציל, צו אַ היים
ווו ס׳צינדן זיך אָן יום־טוב־ליכט,
אַריינטרעטן זאָלסט נישט אין ליים,
נישט אויסגליטשן זיך אומגעריכט.

אַ טאָג אַזאַ איז ווי אַ שטיין,
וואָס שלעפּסט, צו דיין פּלייצע וואַקסט צו
און קייקלט אַראָפּ זיך אַליין
פון דיר, אין דער רגע פון רו.

און איינס נאָך איינס לייגן זיך אויס,
ברוקירט פאַר דיין טראָט ווערט דיין ערד.
און איבער זיי שפּאַנסטו פּאָרויס,
וואָס נענטער אַלץ ליכטיקער ווערט.

און קומסט אָן צום וואָכיקן ברעג
שיינסטו באַלד אין יום־טוב אַריין. —
אָן וואָכיקע, יאָכיקע טעג,
קען גאָר קיין יום־טוב נישט זיין.

כדאי?

ס'האָט די נאַכט זיך אויפגעגנייט
היינט אַזאַ מין שיינע קלייד,
ווי און ווען?
כ'האָב נישט געזען,
מיטאַמאָל אַ פּוץ זיך אויס
און איז אויף דער גאַס אַרויס.

שטאָף פון טונקל־בלוי געוועב,
זילבער־פעדים, שטערנשטעפּ,
אַ לבנה
פול איר פּנים;
כל המינים צירונג, טראָגט
אויף זיך אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט.

— נאַכט, אַזוי פיל גיסטו אויס,
אויף איין נאַכט בלויז?
וואָס און ווען
לוינט עס דען?
לויכט און לאַכט די נאַכט דערביי:
— און אויף אַ רגע איז נישט כדאי?

אַ מעשה

פֿון שורה צו שורה, אַהין און צוריק,
עס פֿליט ווי אַ ווינטיקע ווינדע דיין בליק.
אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט מישן איבער די הענט,
אַ בילד נאָך אַ בילד פֿאַר די אויגן צעבלענדט.
עס צאַפּלט דאָס האַרץ אין דערוואַרטונג ביי דיר.
נו, ווייטער און ווייטער, וואָס האָט דאָרט פּאַסירט?
נו, ווייטער — און עפֿנסט פֿון דאָס ניי אויף אַ טיר.
אַ טיר נאָך אַ טיר, דורך חדרים אָן שיעור...
צי האָסטו אין דעם עפּעס אייגנס דערקענט? —
דו צאַפּלסט דאָך איבער אַ לעבן אַ פֿרעמדס.

דער רוקן פֿון בוך איינגעוואַקסן אין האַנט —
אַ וואָרט איז אַ ציגל, אַ שורה — אַ ראַנד.
אַ זאַץ איז אַ טרעפּ, אַ קאַפּיטל — אַ שטאָק.
עס בלעטערן זיך בלעטער, אַ טאָג נאָך אַ טאָג,
עס לויפֿט דורך אַ יאָר נאָך אַ יאָר אומבאַמערקט.
דו שטייגסט אויפֿן טורעם־געשטאַפּלטן ווערק,
צום שפּיץ, אוי, צום שפּיץ! צילסט אַלץ העכער אַרויף,
צום שפּיץ אָ, צי ווייסטו, אַז שפּיץ איז דאָך סוף...

די פיס דאַרפסט נישט הייבן אַפילו צום גיין.
ספּיראַליקע שווינדל־טרעפּ פירן אַליין
אַרויף! צום אַרויף האַלסט פאַריסן דעם קאָפּ,
און ס׳פירן די טרעפּ שוין פון אויבן אַראָפּ —

געווען אויפן שפּיץ שוין, ווען איז עס געשען?
ווי האָסטו דאָס טרעפּל דאָס העכסטע פאַרזען?
שוין! לעצטער קאַפּיטל, סוף־שורה, און — אויס.
אויפגעטורעמטע מעשה פון די הענט פאַלט אַרויס...

צו נאַכט...

— שוין! דער שוים איז שוין צעשוווּמען,
קלאָר און לויטער איז דיין ווייך;
קוקסט דורך גלעזער אויסגעשליפן,
שאָקלסט צו: אַזוי דאַרף זיין...

שוין! עס שפּילן דיינע טרויבן
מער זיך נישט אַרויף־אַראָפּ.
וואָס פון בלויזן ריח פלעגט זיך
דיר פאַרדרייען אַזש דער קאָפּ.

האָסט אַזויפיל מינים שטראַלן
איינגעשלונגען פאַר דער צייט,
שיינט דיין כלי דורכגעזוניקט,
פינקלט דורך די שאָטנס ווייט...

וויפל מאָל צעבריט די ליפּן
און געכאַפּט אַ הייסן נאַש.
איצטער בלאָזסטו יעדן הויך אָפּ,
קיל און קילער קילסט! מה רעש?!

זיסקייט, ביטערניש פון יערן
אָפּגעזעצט זיך אויפן דנאָ,
אָפּגעברויזט און אויסגעשפּריצט און —
שוין! קיין סך איז מער נישטאָ.

האָלסט אַ כוסה אין די הענט לאַנג
גיסט זיך שטיל אַ זופּ באַזאַכט:
— איי, עס האָט דאָך אַלע טעמים
יעדעס טראָפּנדל צו נאַכט!

ליכט און שאָטן

ערד און הימל, האָריזאָנטן,
און דער שטח ווו איך אָטעם,
וואָס מיין אויג און האַרץ דערקענט נאָר,
מיניעט זיך אין ליכט און שאָטן.

כ׳זע דעם בוים אַ גרין־באַזונטן,
ס׳איז אין בלי זיין קרוין גערזאָטן.
גרייכן שטראַלן נישט צום אונטן,
וויגט זיך בוים אין ליכט און שאָטן.

שיינט אַ הויז אַ העל־צעבלענדטע,
ס׳גלאַנצן שויבן דורכגעבראָטן,
נאָר חדרים צווישן ווענט דאָ
טונקלען זיך אין ליכט און שאָטן.

קוק איך אויף מיין וועג אַהינטער,
טריט, וואָס כ׳האָב שוין אויסגעטראָטן.
און מיין יעדער שריט אַצינדער
ווערט צעהאַלבט אין ליכט און שאָטן.

ווזשע איז דאָס לויטער־קלאָרע
ליכט פון חלום אויסגעקנאָטן?
אַז ווו ס׳ברענען לאָמפּן וואָרע —
טונקט זיך, טרינקט זיך ליכט אין שאָטן...

„מודה אני"

הייבט דער טאָג זיך פון געלעגער
שטיל און פּאָרכטיק אינדערפרי:
— אַזאַ וועלט פון מיינעטוועגן,
דיר באַשעפער — מודה אני!

שטרייפן שטראַלן דורך זיין תכלת
און מיט ליבשאַפט הייס אַ ברי,
ציטערן פאַר חדוה: ווייל איז
ווידער שיינען: מודה אני!

נעגל־וואַסער, טראָפּנס דינע
צינדן זיך אין פורפור־גלי.
אויף די פינגער בלעטער גרינע
זיך פאַרגייען: מודה אני!

און בציבור ביימער שוויגן
אויס אַ תפילה אין צעבלי;
ס׳דאַווענען בלחש צווייגן
מיט די צוויטן: מודה אני!

רוען פייגעלעך שוין מער נישט,
פון די נעסטן הויך אַ פלי;
— ציף ציף! טאַטעלע פאַרשטער נישט,
הער נאָר אונדזער: מודה אני!

פּירות בלאָזן אָן די באַקן;
— איבער אונדז מאַך בורא פּרי,
פול מיט פרישן זאַפט געשמאַקן
דופטן מיר נאָר: מודה אני!

ווערט די ערד פול מיט קול דממה,
הענט מיט קראַפט פאַר נייער מי.
און כל עצמותי תאמרנה
צום באַשעפער: מודה אני!

גלעט דער טאָג זיין הדרת פּנים
— אַזאַ נחת פון דאָ הי!
אוי רבונו! כ׳זאָל דיר קענען
זאָגן תמיד: מודה אני!

דער פּעלדז

צווישן ים און יבשה, אויף זאַמדיקן ראַנד,
הייבט זיך אַ פעלדז — אַ שטיינערנע וואַנט.
די זון פון אויבן — פּאַסן שניידט
און וויקלט אים מיט גליאיקע פינגער.
פלאַמט און בריט
זיין האַרט פאַרבראָנדזיקטן לייב:
איך וויל זיך דורכבויערן צו דיין האַרץ!
דו ביסט אויף דער ערד
מיין העלישער פלאַקער געווען;
אין שטויב פון יאָרן
ביסט פאַרגליווערט געוואָרן.

מיט ווייכע, וואַרעמע הענט,
גלעט די זון זיינע שטעכיקע באַקן,
פלעכט אַרום זיינע גלידער
מיט שטראַלנדיקע צעפּ
און קניט אַנידער
אויף שפּיציק שטיינערנע טרעפּ:
— אָ לאָז מיין פלאַם
אין דיין אינגעווייד אַריין
און עס וועט מיין פייער
צעשמעלצן דיין שטיין.

מיט טרויער פאַרצויגן
די גלאַנציקע אויגן,
ענטפערט דער פעלדז:
ניין — ניין!
צו שפעט!

עס לויפן אָן כוואַליעס מיט שטורעם פון פרייד:
— צו דיר איז לעבן, פון דיר — טויט.
צו דיר בין איך שוימענדיקער באַרג,
פון דיר —
בלעזעלעך שוים אויפן דורשטיקן זאַמד.
דו ביסט אויך אַ באַרגיקע כוואַליע, ווי איך,
פאַרקופערט געוואָרן אויף זאַמדיקן ראַנד.

זיי קושן און צערטלען אים — וויינען אויס
ימים טרערן אויף שטיינערנעם שויס,
הענגען זיך אויף געטורעמטע אַקסלען,
טוליען זיך צו פלייצעס גבורהדיק צעוואַקסן
און האַלדזן מיט שטראַמיקע אָרעמס
זיין אייזערנעם האַלדז און נאַקן.

טוען אָן בלענד־ווייסע קרוינען
אויפן הויך־אויפגעהויבענעם קאָפּ,
אַ שימער, אַ בליאַסק,
און גליטשן זיך אויס —
און פאַלן אַראָפּ.
זיי וואַשן די פיס אים און טרינקען דאָס וואַסער:
— פאַרפאַנצטערטער פעלדז דו, האַרטנעקיקער האַסער!
רייס אויף די פאַרשלאָסענע אויגן,
דיין שטאָלענעם בליק.
קוק אָן מיך.
ווי איך
ווער אַ כוואַליע צוריק!

שטייט דער פעלדז אויסגעצויגן
מיט בענקשאַפט פאַרגאָסן
די שטיינערנע אויגן:
— צו שפעט, צו שפעט!

מיט סטעפּישן אָטעם — מייליקע פליגל,
פליט אָן אַ געוויטער און שטורעמט:
— פאַרשטיינערט געוואָרן
ביסט מיין פליִענדיקער טורעם,
צעשמעטער פון פענצטער און טירן
פאַרקאָוועטע ריגל,

רייס אַרויס פון דער ערד
    איינגעשמידטע פליגל,
צעפּאָך און צעוויי
    אין דער לופט מיט געשריי
איבער ימים, יבשות, אין רוימען אַרום.
פאַרשטיינערטער אָדלער דו;
    קום מיט מיר, קום!

שטייט דער פעלדז אויסגעלאָשן,
    צעקאַרבט און צעשמיסן,
און טיף אין דער הייל פון זיין האַרץ
    אויסגעריסן
ווידערט אַן עכאָ — געוועזענער גלות.
— הייס־ווינטיק געכוואַליעט
    און מיר האָט דאָס בלוט
מיט שטראַלן זיך געקושט,
יעדער כוואַליע געגלוסט,
מיטן ווינט זיך געדרייט,
אַ גלי, אַ שווים, אַ דריי
    און ס'פאַרגייט —
און שרעק האָט געהאַמערט:
    ניין, נאָר נישט פאַרגיין!

צו דויער פון דורות
מיין בליק כ׳האָב געצילט
פאַרפאַנצערט מיין גוף
קעגן שטראַלן און ווינט
און כוואַליעס־שפּיל,
ביז ס׳האָבן מיינע טריט
זיך אין שטייפן גראַניט
אין דער ערד איינגעשמידט — — — —

שטייט דער פעלדז
מיט בענקשאַפט באַגאָסן
שטייף אויסגעצויגן
און ס׳קייקלען זיך טרערן
פון שטיינערנע אויגן:
— צו שפּעט.
צו שפּעט!

וואָס בין איך?

אַזאַ זאַפּטיק־זיסער יאָדער,
וואָס קרעפּטיקט און דערנערט
ווי עס האָט אַ נוס —
ליגט זיך פּשוט,
נאָר אונטער איין שאָל.

און אונטער וויפל לבושים
איז מיין יאָדער באַהאַלטן?
וויפל שאָלן דאַרף איך צעשפּאַלטן
און אָפּשיילן
צו דערזען און דערפילן
פון אייגענעם יאָדער דעם טעם?
צו דערגיין
צו זיך אַליין?

עס דוכט זיך רק אויס
אָט איז עס,
דאָ, דאָ.
און לסוף — נישטאָ,
הויל.
טאָ וואָס פאַר אַ פּירה בין איך?

וואָס פאַר אַ געוויקס?
איך זע, דער בוים
פרילינגט אין פרילינג,
זומערט אין זומער,
האַרבסטיקט אין האַרבסט.
אַלץ אין זיין צייט,
מיט אַלע זיינע צווייגן,
גאַנצערהייט
אויף זיין אָרט,
ווי אים איז באַשערט.

ווען עס ווינטערט מיין לייב —
פרילינגט מיין האַרץ;
איז וואָס פאַראַ פלאַנץ
בין איך אויף דער ערד?

נישט פלאַנץ און נישט פירה,
איז אפשר אַ פויגל?
מיט די ליפּן איך צוויטשער
די הענט — מיינע־פליגל,
נאָר נישט צווישן צווייגן־געפלעכט
איז מיין נעסט.

מיין וואָרט איז אַ פלאַטער,
מיין בליק ציט אין ווימען
און מיין טראָט? —
אונטער אייגענער משא פאַרפרעסט.

מיט לידער אין שנאָבל
איך פּיק זיך אַרויס,
קלינגענדיק קלאָר
מיין „גוט מאָרגן” איך זינג אויס,
נאָר באַלד, שפּאַלט מיין קול זיך,
ברעקלט זיך, לעשט זיך
שטאַמלענדיק —
שאַר איך אין נאַכט זיך אַריין...

זינגט דאָך אַ פויגל
ביז ער שלאָפט איין...

נישט פּירה, נישט קיין פלאַנץ
און נישט פויגל
— וואָס בין איך?

קנייטשן

וועך זאָגט עס, אַז קנייטשן — פון עלטער אַ סימן? —
סיידן ווער לייענען ס׳קען נישט די שריפט,
וואָס פעדער געטונקען אין חכמה און בינה
האָט אַזוי קונציק שיפרירט און פאַרטיפט.

אָט זע איך מיין פריינט דיין צעליניעטן פנים,
אַ שורה אויף אַ שורה אין דער לענג, אין דער ברייט.
און איבער זיי ברענען צוויי פאַקלען, זיי קאָנען
דיין פאַרמעט באַלויכטן, ווער קריאה פאַרשטייט.

פון אַלע אינסטרומענטן דורך יאָרן און יאָרן
אין פלאַטן אויף פלאַטן אַלע קלאַנגען פאַרקריצט.
און עפנסט דאָס מויל־אויף, דאָס האַרץ און זכרון,
די שענסטע סימפאָניע שפּילט אויף דיר איצט.

און דורשטיקע אויגן, ווי בלומיקע בעכער,
וואָס קוקן צום ערשטן מאָל אָן איצט די וועלט,
הייבן זיך גלאַנציקער, פאַרביקער, העכער
אַרויף צו דיין לויטערן מקור, וואָס קוועלט...

אַ קוואַל וואָס באַטרינקען, באַזאַפּטן, באַזינען
קען גאַנצענע שטחים מיט פרוכטיקן צוויט.
ווער זאָגט עס, אַז קנייטשן — פון עלטער אַ סימן? —
סיידן דעם לויטערן קוואַל מען פאַרשיט...

אַ מלאך צי אַ שד?

ווער איז דאָס פּייערל וואָס בלענדט —
אַ מלאך צי אַ שד?
אַ טייוול־שפּיל גאָר אָן אַן ענד,
אַן אומשולדיק געוועט?

עס שפּילט זיך אין באַהעלטעניש
מיט מיר שוין גרויסערהייט,
ס'אַ יאָגעניש, אַ קלעמעניש,
מיט צאַפּלדיקער פרייד.

איך שפּיר אויף מיר זיין אָטעם־ברי:
— נו, כאַפּ מיך שוין, נו־נו!
און גיב איך זיך אַ צי, אַ פלי —
פאַרשווינדט עס ערגעץ ווו.

און ווידער פלעמלט אויף דאָ — דאָרט,
און ווידער זיך באַהאַלט.
און אַלע מאָל עס בייט דאָס אָרט,
און אַנדערש דאָס געשטאַלט.

אָט איז עס אויף מיין וועג פֿאַרויס,
און אָט שוין — פֿון אַ זייט.
אָט צינדט זיך אָן, אָט לעשט זיך אויס,
אָט הינטער מיר שוין ווייט...

עס פֿלאָנטערן שוין מיינע טריט
— איך שפּיל נישט מער, גענוג!
לויכט אויף דאָס פֿייערל און גליט
און פֿינקלט אַזוי קלוג.

און פֿונקען שפּריצט עס און עס לאָקט
אַהין — אַהער, אַראָפּ — אַרויף,
אַ מלאך צי אַ שד? איך יאָג
און לויף און לויף און לויף...

מאַמע־שלאָף

מאַמע־שלאָף

מאַמע־שלאָף, צענעם די פליגל,
פלי אַנטקעגן מיר אַרויס;
וויקל אויף פאַר מיר דאָס וויגל
פון דיין ווייכן מאַמע־שויס.

ווי אַ קינדער־מיילכל ציט זיך
דורשטיק צו דער מאַמעס ברוסט.
אַזוי ציט מיין יעדער גליד זיך
צו דיין שלאָף־טרונק אומבאַוווּסט.

כ׳וויל מיין לייב און זעל פארוויגן
אין אַ זיסן חלום ה׳.
שלעפער איין מיך מיט דיין ניגון,
זינג מיר, זינג דיין איילע־לו.

מאַמע־שלאָף, פון רו די מלכה,
גנעדיק זיי צו מיין געביין;
טאָג און נאַכט אין מיר זיך ראַנגלען
פאַרן אויפגיין און פאַרגיין.

וואַרפן מיך אין טיפסטע תהומען,
הייבן־אויף צו העכסטער הויך.
צינדן אָן די שענסטע טרוימען,
ברענען אויס אין פלאַם און רויך.

אין אַ נעפל גרוי־פאַרצויגן,
הייב איך זיך און פאַל פונסניי.
מאַמע־שלאָף, שליס מיינע אויגן,
מיך — פון זיך אַליין באַפריי!

אל תשליכנו

אל תשליכנו לעת זקנה!
פאַרלאָז מיך נישט
האַר פון אַלע וועלטן!
צעקרים נישט מיין געזיכט,
פאַרמינער נישט דאָס ליכט
פון מיין שיין.
נאָר ווי אַצינד
ביזן סוף פון מיינע טעג זאָל איך זיין.
דריי מיין קנויט נישט איין
ביסלעכווייז,
שמעלץ מיין ליכט נישט אויס
טראָפּנווייז.
טויט מיך נישט — טיילנווייז.
אַ נס באַווייז!
און מיטאַמאָל — גאַנצערהייט,
אין פלאַם פון פרייד
פונעם לעבן כ׳זאָל פאַרגיין,
ווי די זון צו נאַכט פאַרגייט...
אָ, צאַפּ נישט אויס
דעם זאַפט פון מיין קראַפט.
צעקריפּל נישט,
פאַרמיאוס נישט דיין אייגענעם באַשאַף,
אָ גרויסער גאָט!

אַז נישט דערוועקן קיין רחמנות
זאָל מיין טראָט.
און אַז קומען וועט די צייט
פון מיין וועלט־צעשייד,
זאָל איך אויסזען פונקט ווי היינט,
אָן געראַנגל, שטיל פאַרגיין
זאָלן מיינע רייד,
ווי קלאַנגען פון אַ פּלייט —
באַוויז דעם נס!
קענען זאָגן זאָלן מיינע פריינט:
„געווען ביים לעבן שיין,
און אַצינד — אַ שיינער מת“...

מאַמעס אויפֿן הייליקן אָרט

מאַמעס צוויי,
פרעמדע זענען זיי.
צום ערשטן מאָל
זעען זיך היינט
און מיטאַמאָל:
אייביקע פריינט.

גורל בלינדער:
זייערע קינדער,
זענען דאָ שכנים
און האָבן די מאַמעס
פאַראבלט אינאיינעם.

פרעסט יעדע מאַמע
דאָס פּנים
צום קאַלטן שטיין
און הייס ווערט דער מירמל
פון מאַמעס געוויין,
ווי קינדעלעס לייב
אין יענע טעג
איידער ס׳איז אַוועק —
אויף תמיד אַהער.

מיטאַמאָל —
הייבן זיך די מאַמעס אויף,
פאַלן איינס
אויף דער אַנדערער אַרויף,
אָן אויסצורייִדן אַ וואָרט
פלעכטן זיך איין
אין איין געקלאָג,
פאַרחתמעט אין הימל
ביזן לעצטן טאָג,
אויף אייביקן שוואַרץ.
די מאַמעס צוויי.
אַ בלוטיקער בונד:
האַרץ צו האַרץ,
ווונד צו ווונד.

מיין מאַמע ווער איך

קוק איך זיך אין שפּיגל איין
זאָג מיר, — וויפל בין איך אַלט?
ערשט עס קוקט אין אים אַריין
גאָר מיין מאַמע, איר געשטאַלט.

רונצלען קנייטשן, מיד דער בליק
אין די האָר שוין פּאַסמעס גרוי
ווי מיט יאָרן לאַנג צוריק
אויסגעזען האָט זי אַזוי.

ווען און ווי איז עס געשען
אָט אַזוי זיך פּלוצים גאָר?
אפשר האָב איך זי דערזען
אָט אַצינד אין דמיון נאָר?

ניין, ס׳איז וואָר, ס׳איז וואָר, ס׳איז וואָר!
כ׳זע דער מאַמעס שטריך נאָך שטריך
אויף מיין פּנים שנײדיק קלאָר!
כ׳ווער אַליין מיין מאַמע — איך.

צו מיינע טאַטע־מאַמע

...און וואָס אַ יאָר, שטאָט טונקעלער — ליכטיקער נאָך ווערן
און העלן־אויף פאַר מיר ווייט־פאַרטונקלטע שטחים;
אין אייער שיין, דעם זין פון זיין, ווי אַ ביי געבאָט איך לערן
און עס פלעמלט איבער מיר טאַטע־מאַמעשע ברכה.

ביי די זייטן פון מיין וועג וואַכט איר ליכטיקע געשטאַלטן,
דעם שטויב פון מיין געמיט אייערע טרייע הענט פאַררווישן.
אַלעמאָל איך טו אַ זופּ פון אייער לאָגל דעם אַלטן,
נישטאָ אַזאַ מתיקות נאָך וואָס זאָל אַזוי דערפרישן...

די קערענדלעך פון אָפּפאַל ריין — מיט יעדן טראָט כ׳פאַרוויי זיי,
אייערע זריעה דורכגעזיפּט, איך האָב שוין פולע הויפנס.
און ווי איר אין מיר אַמאָל, איצטער איך פאַרזיי זיי
אין די קינדער מיינע אויפן זעלבן אופן.

ווערט אייערע, מיין יעדע ביי־געבוירענע רגע,
און מיינער־אייער ספר, דורך און דורך פאַר מיר שוין אָפן.
איצט גייען מיר באַנאַנד אויף אַלט־משפּחהדיקע וועגן,
טאַטע־מאַמע מיט טאַטע־מאַמע — ביזן סוף פון אַלע סופן.

אויף צוריק

הדסה׳ן...

איינגעפרוירן אין אַ פֿאַנצער
איז מיין לייב, געהער און בליק.
יעדעס צערטל־וואָרט פון טרייסטונג
שפּרינגט פון מיר אָפּ אויף צוריק.

אָפּגעשטעלט זיך האָט די צייט שוין,
איינגעבראָכן אונדזער בריק.
איצטער נעמען לויפן מיינע
טעג און יאָרן אויף צוריק.

אָבער דאָרטן, טיף אין וואַסער,
טאַנצן פישעלעך פאַר גליק.
לאָמיר פון דער שוואַרצער רגע
שווימעןביידע אויף צוריק.

אוי, אַ וועג איז דאָס געווען —
קעגן שטראָם און קעגן ווינט.
ווען אַרט עס, אַז דו נעמסט מיך
אין דיין כוואַליע־שויס — אַ קינד.

קעגן שטורעם און געוויטער,
אָבער אַלעמאָל מיט דיר:
האָבן קיינמאָל מיינע גלידער
נישט געשפּירט אַ מינדסטן פריר.

וואַרעמקייט פון דיינע אויגן,
זאַפטיקייט טריפט פון דיין קול;
אונדזער פרילינג זיך געצויגן
וואָלט ביז ווייטן ווינטער־טאָל...

שאַ. אָט קומען מיר צום אָנהייב
אוי, סאַ גאָלדיק בלויער ראַנד!
דאָ האָסטו, צוריק מיט יאָרן
אויסגעשטרעקט צו מיר דיין האַנט.

שש... רירט זיך קיינער, שטערט נישט,
טרעט נישט, רעדט נישט אויס קיין וואָרט.
פריינט מיינע איך בעט אייך, לאָזט מיך,
כ׳וויל שוין,
כ׳וועל שוין בלייבן דאָרט!...

אויפן בית־עולם

אין פּאַרק פון געוויין,
האַלטן זיך גרעזעלעך קלענער פון קליין.
נישט אַ שאָרך, נישט אַ שורשע מען גיט.
לייגן זיך אויס ווייך און שטיל
אונטער שלאַבערדיק־שווערע
לויה־טריט.

און פייגעלעך קליין
צוויטשערן אויס אַ שורה געוויין,
קולות פון יאָמער באַגלייטן זיי,
דאָס איז זייער תפילה און קריעה־געשריי.
זיי קענען נישט אַנדערש,
זיי קענען נישט מיין.
טשיריק! טשיריק! —
אַ שירה־געוויין.

צעוואַקסענע ביימער פאַרהאַלטן דעם אָטעם:
— אַז ווי אונדזער עלטערן זיך,
ווער דאַרף דאָ שאָטן?
נאָר שטיינער און בערגלעך
און ס'וואַקסט טאָג נאָך טאָג און
מען האַלט אין איין גראָבן,
מען האַלט אין איין טראָגן...

עס רייסט זיך דורך לויזע געלעכערטע פּאָלעס
און גליווערט דאָס האַרץ איין —
נאָר קדיש און מלא׳ס.
און שטום, ווי צעצווייגטע מצבות
עס שטייען;
צעוואָקסענעביימער, פאַראָבלטע רייען...

און די בלומען אין פּאַרק פון געוויין
וואַקסן מיט בושה פאַר זיך אַליין,
בייגן די קעפּלעך אַראָפּ אַזוי שווער:
— ווי צו די בלומען וואָס מען ברענגט
אַהער!

בלומען אויף בלומען, קרענץ גאַנצע בערג,
פאַלן אויף פרישע בערגעלעך ערד —
באַרג אויף באַרג, טויט אויף טויט.
פון וואָרצל פאַרשניטן, איין גורל באַשערט —
פון זעלביקן גזר־דין פאַרחתמעט;
פאַרגיין
גלייך מיטן מענטש,
אין פּאַרק פון געוויין.

געשטאַלטן

געשטאַלטן און נעמען איך האַלט אין דער׳מאָנען,
חברים און פריינט מיינע, ווו זענען זיי?
עס איז דאָך ביי אונדז נישט געווען קיין מלחמה
און אַזוי פיל אבידות איך זע אין מיין ריי.

פון קיין שום מאַשין נישט געזען כ׳האָב קיין פייער,
צומאָל נישט געהערט כ׳האָב אַפילו איין שאָס —
עס פאַלט פון די הענט מיר, צעפאַלט מיין כלי זין,
צו וואָס זאָל איך ווייטער? נאָך וואָס? צוליב וואָס?

ווער איז ער דער שונא, ווי איז ער באַוואָפנט,
אַז ס׳איז קעגן אים גאָר קיין שוץ נישט פאַראַן?
דאָס שלאַכטפעלד פאַר אים אומעטום תמיד אָפן
און זיין פייער־ליניע קען זיין יעדער שפאַן.

ס׳האָט קיינער נישט קיינמאָל געזען נאָך זיין צורה
און ווייסט גאָרנישט ווי עס זעט אויס זיין געווער.
עס זאָל איינער האָבן אַזאַ שוואַרצע גבורה?
מבולבל איך ווער דאָ וואָס ווייטער אַלץ מער...

ווי רייסט ער אַריין זיך אין פרידלעכע הייזער?
באַפאַלט אומגעוואָרנט, אַזוי אומגעריכט.
און רירט ער אַ טיר־אָן, בלייבט שטיין באַלד אַ ווייזער
און ס׳ווערט אינעם הויז אויסגעלאָשן דאָס ליכט...

אַ מענטש איז נישט סתם

אַ מענטש איז דאָך נישט סתם
אַ בינטל צווייגן אויף אַ שטאַם,
פאַרוואָרצלט אין איין שטיקל ערד.
און קומט אַ בליץ, רחמנא לצלן,
זעגט אַרונטער דעם שטאַם,
בלייבט פון אים גאָרנישט נישט מער...

אויסער די פּירות וואָס יעדערער קען
זען מיט די אויגן, באַרירן מיט די הענט
און טועם זיין דעם טעם,
האָט אַ מענטש אויך פּרוכט פון אַנדער מין,
אויף צווייגן וואָס זענען צו יעדער צייט גרין
און בלייבן אויף תמיד מיט זאַפט פון זיין שטאַם.

אָ, וואָס פאַר אַ דויער אַזאַ קערן פאַרמאָגט,
דאָס זענען די וואָרצלען וואָס דער מענטש שלאָגט
אין אַ צווייטנס האַרץ געבענטשטער ערד.
מיט טוי פון זיין אָטעם די שפּראָצן באַגיסט,
איבער ווייטסטע שטחים זיין וואַרעמקייט פליסט
און נייע צווייגן מיט פּירות דערנערט.

⁂

צו לעאָנס אָנדענק.

זאָגט מיר, גראַמט זיך ליכט מיט קבר
און פרימאָרגן־שיין, מיט נאַכט?
און איך האָב מיין איינציקן, —
מיין זיווג — צו דער קבורה געבראַכט.

קען מען דען אַ שטראַל פאַרשיטן
מיטן שוואַרצסטן בערגל ערד?
וויזשע ליגן זיינע אברים? —
איך פיל נישט זייער אָטעם מער.

ס'טרעפט זיך אויך, די זון ווערט מידער,
גייט אַוועק צו פרי, צו וויט...
וועל איך וואַרטן אויפן ברעג דאָ —
כ'האָב שוין צייט, אַזוי פיל צייט!...

וואַרטן זומער, האַרבסט און ווינטער,
ביז ס'וועט ווידער ווערן גרין.
און עפענען די שערי־רחמים
וועט פאַר מיר דאָ דער גזר־דין.

און דערוויילע כ'וועל דערהעפטן
זיך מיין שטערנטיכל און —
פולע קניילעכלעך מיט פעדים
האָסט באַשאָנקען מיר, מיין זון!

כ׳האָב פאַר דיר זיך אָנגעמאָסטן,
אָנגעקוואָלן האָסט פון דעם:
— זע, פאַרענדיק עס וואָס גיכער,
טו עס אָן, למען השם!

פּאַסט עס צו דיין הדרת פּנים!
ס׳רוט די שכינה אויף דיין קאָפּ!
חן וחסד פון אמהות
פון די הימלען שיינט אַראָפּ.

העפט איך, וועב איך און איך קייטל
שטערנדלעך פון דורות נעכט,
פון דעם ריינסטן זייד געשנירלט
לויכטן אויף אין מיין געפלעכט.

אונדזער תכלית נישט קיין שעטנז,
נישט חלילה קיין געמיש.
קלאָר און לויטער, שטיל און ציכטיק,
ווי געוועזן ס׳איז אונדזער טיש.

ס׳האָט דיין שמייכל אויסגעשליפן
אונדזער בעכער אין קרישטאָל,
פונדאָסניי אים אָנגעגאָסן
ביז צום ראַנדפול האָט דיין קול.

עדות זענען די אַנטיקן,
וואָס באַצירן אונדז די ווענט,
האָסט פון אַלע נע־ונדן
דאָס געבראַכט מיט דיינע הענט.

ס׳וואַרטן פּאָליצעס מיט ספרים
אין אַ ריי איבער אַ ריי
אויפן זכות דו זאָלסט זיי נעמען —
מעין זיין אין זיי.

אַ רכוש האָסט איינגעזאַמלט
וואָס אין דיין גבול איז נאָר אַריין.
מיט די אוצרות האָסט געחלומט
קיין ישראל עולה זיין.

האָסטו ליד צו ליד באַהאָפטן
אונדזער נצח, אין דיין גאַנג,
אין באַנייטן שיר השירים
אויפצווזינגען דיין געזאַנג.

איז מיין פרייד אויף דיר געהאַנגען
אַך סאַ יום־טובדיקע קלייד.
מיט אַ פינגער צו דערלאַנגען
תמיד אונדזער שמחה גרייט.

— — — — — — — — — — — —

פון מיין לייב ביסט אויסגערונען,
בייגט זיך, קרישלט זיך מיין ביין.
וויזשע וועט מיין גוף זיך האַלטן,
טון אַ טראָט אַצינד אַליין?!

און די פינגער מיינע שפינען —
וויפל שטערן שוין געמאַכט!
ווו פאַרהאַלט זיך נאָך באַגינען?
אוי סאַ לאַנגע, לאַנגע נאַכט!

חלילה

ביי ווּעמען געשען איז אַן אומגליק אין שטוב,
איז עמעץ געשטאָרבן חלילה?
שלייכן זיך אַלע ווי איבער אַ גרוב
מיט טריט געלאָסענע, שטילע...

ווי אויף ברעטער אַריבער אָן אָפּגרונט פאַרשפּרייט,
נישט פּלאַצן זיי זאָלן חלילה —
היט מען זיך, ציילט מען אויס נישט נאָר די רייד,
נאָר אויכעט די בליקן אַפילו...

אין גוטע פריינט קומען און זיצן שטום —
דעם בראָך נישט אַ ריר טון חלילה,
נאָר סיִיווּי ווי דער חלל שפּאַרט דורך אומעטום
פון די רמזים אַפילו...

מיין קלייד

מאמע:
דו האָסט דיין לייב און לעבן
צעפּעדימט און געניייט,
פון ליכטיקסטע געוועבן
מיר אָנגעטאָן אַ קלייד.

אין ערגעץ נישט באַהאַלטן
פאַר זיך אַ פּאָדעם פרייד.
נאָר אַלץ אין מיינע פאַלדן —
איז דאָס געווען אַ קלייד!

די זונען שטרייפן אירע
געבלענדט העל האָבן ביז —
געמאַכט האָסט מיט דיין פּטירה
מיין ערשטן קריעה־ריס —

דערנאָך האָט טאַטע ווידער,
ווי מיט אַ שאַרפן שפּיז,
מיט אויגן שטאַר פאַרגליווערט
געטון אַ צווייטן ריס.

און כ׳טראַכט צו וואָס, פאַר וועמען,
פאַרטון האָסט גאָר דיין פרייד:
וואָלסט מאַמע נישט דערקענען
אַצינד אויף מיר דיין קלייד.

נאָר בלויזן, לעכער, ריסן,
קוים ס׳האַלט זיך אויפן לייב.
אוי מאַמע דו זאָלסט וויסן,
אַז נאַקעט באַלד איך בלייב.

מיין האַרציקסטן דאַנק דאַנק און אַנערקענונג די פאָלגנדע אינסטי־טוציעס און יחידים וואָס האָבן מיטגעהאָלפן מאַטעריעל און מיט פּער־זענלעכער מי, און דורכדעם דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון דאָזיקן בוך.

ל. ל. פּאַרייך פון פּרוזשענע ,בערעזע, מאַלטש, שערשעוו און אומג.
2טע האַנדלס קאָאָפּעראַטיווע (קאַנגאַזשאַ 3637)
פּוע״צ צענטער י. ח. ברענער (וויזשאַ סאַהאַרעס)
מאַקסימאַ קופּפערשמידט און פרוי
דוד און מאַטילדע גערמאַן
יעקב, אַדעלאַ און וועלוול־עליע וואַראַבעיטשיק
לייזער און לעאַן קאַנטאָר
ניאָמע גאָלדבערג און פרוי (קאָרדאָבאַ)

חיים לייטמאַן און פרוי
מאיר אַלבוס און פרוי
דאָראַ מ. דע גאַרפונקעל
דוד הירש
קאַרלאָס טשערווין
ברידער איוואַן
יצחק און תנחום יונאַוויטש
ברידער קעמפּער
יעקב און פאַני גאַרבער
לויס און לאה לערנער
פייוול און רחל שמידבערג
וויקטאָר און ראָסיטאַ פּעטשערסקי
שמעון און אַנאַ ליכטנשטיין

מאַקס און עלענאַ פאַנטירער
נח און גיטל עפּשטיין
לייבל און ליבע רובינשטיין
לייבוש און שלימע רומיאַני
ד״ר פעדראָ און עוכעניאַ בומאַזשני
אָשר און גיטל גראָקאָף
אברהם און שרה פייפערמאַן
לאַזאַראָ בוקאָווסקי און פרוי
משה און מרים פּאַק
חנן און גיטל רובאַכאַ
סאַלאָמאַן און חיהקע שטיין
זיידל און נעלידאַ ברעזמאַן
סימאַן מאַרסיק און פרוי

לעאָן אַרגרעסט און פרוי
יעקב און מנוחה דאַווידזאָן
יצחק ביסטראָוויטש און פרוי
פ. באָרוכאָווסקי און פרוי
יהודה און טויבע־לאה האָפּמאַן
יצחק פּאָמעראַניעץ און פרוי
שמאי און פריידע טראַכטער
יוסף מאַרגאָליס
פעליפּע מעליניק
מנשה ראָזענבערג
יאכנוק קולאַדיטש
אייזיק פורמאַן
סימאָן אָרנשטיין
ברידער נוסינקער
לואיס אַלטמאַן

נאַטאַנזאָן פיינשטיין
מאַטילדע פּאָמעראַניעץ
נחמה גאָלדשטיין
בערטאַ הילערט
נתן אַראַנאָוויטש
מיכאל טשאַפּניק
חיים און פּאָלאַ פּאָפּאָווסקי
שלמה און מאַטילדע זאַבראָנסקי
מרים גרוזמאַן
ליובאַ ראַבינאָוויטש
מינאַ סטיער
ישראל און יענטע שאַפּיראָ
מוסיע און טוביה יאָפּע
נאַגעלקאָפּ
זאַפּאָראָווסקי

א י נ ה אַ ל ט :

לידער 9
כי טוב 12
היום קצר 13
ווי דער סנה 14
אַ בוך 15
אַ משחית און אַ רעטער 20
אַ דיכטער 22
צום מאָלער 25
ווירטואָז 26
ווי גוט 30
גיט געבעטענער בעל־תפילה 31
מיין ליבשאַפט 35
בענקשאַפט 36
דיינע אויגן 37
זומער 38
איך ליב דיך 39
זומער נאַכט 42
מיין בריוו 43
פּאַרראַט 46
בלומען 48
מיין תפילה פאַר דיר 49
צו שפעט 51
דער בוקעט 53
נאַכט פון וואַרטן 53

צירונג 56
דיין שיף גייט אָפּ 58
עס באָדן זיך מיידלאַך 61
אַזוי פיל גאָלד 62
איך וויל אויך אַזאַ 63
איך וויל אויך דעם פרילינג 65
אַ גוטע נאַכט ים 66
דאָס געבעט פון קלעטער־פלאַנץ 31
דאָס געוויין פון דער ווערבע 72
דער ווינט אין שטאָט 75
אַקאַנקיכאַ 79
פון ים דער שניטער 82
ברוך ה׳ יום יום 83
טאַנדיל 85
ביימער אין דער נאַכט 88
צו אַ בינטל וויינטרויבן 89
ריאָ האַנדאָ 91
פערל 95
בלומען פון סעזאָן 96
לאַכט אַ רויז 100
ווייסער חלום 103
לחיים 105
אַ דיאַדעמע 108
שפעטער 109
וואָכיקע יאָכיקע טעג 111
כדאי 112
אַ מעשה 113
צו נאַכט 115
ליכט און שאָטן 118
דער פעלז 120
וואָס בין איך 125
קנייטשן 128
אַ מלאך צו אַ שד 129
מאַמע שלאָף 133
אל תשליכיני 135

מאַמעס אויפן הייליקן אָרט 137
מיין מאַמע ווער איך 139
צו מיינע טאַטע מאַמע 140
אויף צוריק 141
אויפן בית־עולם 143
געשטאַלטן 145
אַ מענטש איז ניט סתם 146
*** געהייליקט לעאָנען 147
חלילה 151
מיין קלייד 152

ביכער פון זעלבן מחבר

קינדער-לידער

קינדערלעך, 1948, בוענאָס-איירעס.

זינגענדיק, 1951, בוענאָס-איירעס

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 31 DE AGOSTO DE 1954, EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON Nº 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.